MADE in POLAND

פּ. פּ. בלאָנסקי.

די שול אין מערב=אייראפּע און אמעריקע

1921

אַרויסגעגעבן דורך דער צענטר. שול=אָרגאַניזאַציע, ווילנע

דרוקערײ ב. ציונסאָן און קאָמפּ., װילנע, טראָקער גאַס 13.

פ. פ. בלאָנסקי
פריוואַט־דאָצענט פון
מאָסקווער אוניווערסיטעט.

די שול אין מערב־אייראָפּע און אמעריקע.

פון רוסיש — א. י. גאָלדשמידט.

אַרויסגעגעבן דורך
דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע
ווילנע.

זעצעריי פון דער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע
ווילנע, 1921.

:: P. P. BŁONSKI ::
Docent uniwersytetu
moskiewskiego.
SKOŁA w EUROPIE
:: ZACHODNIEJ ::
::: i AMERYCE. :::
Tłomaczyl z rosyjski-
ego A. I. Goldszmit.
Wydawnictwo
:::: Zydowskiej ::::
Centralnej Organiza-
cji Szkolnej we Wilnie

געדרוקט אין 1500 עקז.

אַדרעס פון דער צענטר. שול-אָרג.:
ווילנע, פּאָליציי-גאַס, קולטור-הויז.
פּאָסט-קעסטל נומ' 66.

Wilno, Policeina „ Dom Oświaty".
Skrzynka pocztowa № 66.

אַרייַנפיר.

בשעת ס׳איז געפאַלן דער אַלטער רעזשים, איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז צוזאַמען מיטן אַלטן רעזשים מוז פאַלן אויך די אַלטע שול. לעת־עתה אַרבעט דער רוסישער פעדאַגאָגישער געדאַנק ענערגיש איבער דער פראַגע וועגן שאַפן אַ נייע רוסישע שול. אָבער אַז מ׳באַזוכט די פאַרשיידענע פעדאַגאָגישע באַראַטונגען און פאַרזאַמלונגען, באַגעגנט מען זיך אָפט מיט איינער און דערזעלביקער נעגאַטיווער ערשיינונג: עס וואַרפט זיך אין די אויגן אונזער ניט וויסן, ווי אַזוי איז אַוועקגעשטעלט דער שול־ענין אין מערב־אייראָפע און אַמעריקע. ס׳איז אָבער באַשיינפערלעך קלאָר, אַז אין אונזער שאַפן די נייע שול מוזן מיר זיך סומך זיין ניט בלויז אויף אַבסטראַקט־פעדאַגאָגישע סברות אָדער אויף די ספּעציפישקייטן פון די רוסישע תּנאים, נאָר אויך אויף דער דערפאַרונג פון יענע לענדער, וואָס שטייען פאָראויס פאַר אונז אין קולטורעלער און פעדאַגאָגישער הינזיכט. מיר דאַרפן האָבן כאָטש אַן אַלגעמיינע פאָרשטעלונג וועגן דעם, ווי ס׳איז אַוועקגעשטעלט דער שול־ענין אין מערב־אייראָפע און אין אַמעריקע.

די הויפּט־שאלה ביי דער אָרגאַניזאַציע פון דער שול איז די פראַגע וועגן דעם, ווער וועט איר אָרגאַניזירן. אין מיטלאַלטער איז די אָרגאַניזאַטאָרין פון דער שול געווען די קירך. איצט אָבער

אָרגאַניזירט די שול אָדער די צענטראַלע מלוכה־מאַכט אָדער די אָרטיקע זעלבסטפאַרוואַלטונג, ווי מ׳דריקט זיך אַמאָל אויס, די געזעלשאַפט. די שאַלה וועגן דעם אָרגאַניזאַטאָר פון דער שול איז לעת־עתה איינע פון די שאַרפסטע אין רוסלאַנד. אָבער דער מערב און אַמעריקע האָבן שוין געמאַכט אַ ריי עקספּערימענטן צו שאַפן אַ מלוכהשאַפטלעכע און אַ געזעלשאַפטלעכע שול,—און אונז איז נויטווענדיק צו וויסן די דאָזיקע עקספּערימענטן. דעמאָלט וועלן מיר אפשר נעמען ווייניקער שטרייטן איבער דער דאָזיקער שאלה.

אַ צווייטע וויכטיקע שאלה איז—די טיפן פון די שולן. אויך דאָ האָבן מערב־אייראָפּע און אַמעריקע געגעבן אַ ריי ענטפערס, וואָס זיינען וויכטיק נאָכמער דערמיט, וואָס זיי דעמאָנסטרירן יעדן טיפּ אין יענער היסטאָריש־לעבנסשטייגערדיקער סביבה, וואָס האָט דעם געוויסן טיפּ געשאַפן. אַריבערזעצנדיק צו זיך די אָדער יענע שול, דאַרפן מיר, פאַרשטייט זיך, דערגיין, אין וואָס פאַר אַ סביבה זי קען לעבן און אַנטוויקלען זיך.

מיר זיינען זיך אַ סך מתווכח וועגן די מעטאָדן און פּראָגראַמעס. אָבער מיר זעען, אַז די פראַגע וועגן מעטאָדן און פּראָגראַמעס איז ניט קיין שאלה פאַר זיך. דאָס איז — בלויז אַ פועל־יוצא פון אַ מער אַלגעמיינער שאלה וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער שול און דעם טיפּ אירן. בקיצור, מיר זעען, אַז מ׳קען ניט באַשיידן איינצלנע טעמעס פונם קורס פון שולוויסנשאַפט, ניט וויסנדיק דעם אַלגעמיינעם קורס פון דער דאָזיקער וויסנשאַפט.

צום סוף איז דאָ נאָך אַ שאלה, וואָס באַאומרואיקט נאָך אַ סך. דאָס איז די שאלה—אַ וועלכער וועט זיין דער צוקונפטיקער לערער פון דער נייער רוסישער שול. אָבער ביי זיין זעלבסטבאַשטימונג שאַדט ניט דעם רוסישן לערער צו פרעגן, אַ וועלכער איז זיין אויסלענדישער חבר אין פאַרשיידענע לענדער. די מעלות און חסרונות פון דעם דאָזיקן חבר וועלן בכל אופן זיין אַ לערע פאַרן רוסישן לערער.

אָט דאָס זיינען יענע הויפּט־שאלות, וואָס מיר וועלן זיך אויף זיי קאָנצענטרירן ביים באַשרייבן די אויסלענדישע שולן.

די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך זיינען לפי דעם סדר געווידמעט דער פראַנצויזישער, דייטשער, ענגלישער און אַמעריקאַנישער שול. איטלעכער פון די דאָזיקע קאַפּיטלעך פאַלט פונאַנדער אויף פיר אָפּטיילונגען: אַלגעמיינע פאַרוואַלטונג, פאָלקסשול, מיטלשול, אוניווערסיטעט.

א. די פראַנצויזישע שול.

1. אין פראַנקרייך געפינט זיך די שול אינם רשות פון דער צענטראַלער מלוכה־מאַכט און פון די אָרטיקע אַגענטן אירע. אין דעם דאָזיקן זין איז פראַנקרייך—אַ טיפּישע לאַנד פון אַ צענט־ראַליזירטער מלוכהשאַפטלעכער שול. בראש פון דער שול־פאַר־וואַלטונג שטייט דער מיניסטער פון פאָלקסבילדונג. ביי אים עק־סיסטירט אַ העכערער שול־ראַט, וואָס באַשטייט פון באַאַמטע פונם מיניסטעריום, פון מיטגלידער פון מלומדימשע אַנשטאַלטן און פון העכערע שולן און, לסוף, פון אויסגעקליבענע פאָרשטייער מצד די לערער פון מיטלשולן און נידעריקערע שולן. דער דאָזיקער ראַט ווערט צונויפגערופן זייער זעלטן; פאַקטיש פירט די גאַנצע אַרבעט זיינע אַן אויסגעקליבענע שטענדיקע קאָמיסיע פון 15 מיט־גלידער, וואָס 9 פון זיי זיינען העכערע באַאַמטע פונם מיניס־טעריום, דורכאויס באַשטימטע דורכן פרעזידענט פון דער רעפּ־פובליק. אויף אַזאַ אופן געפינט זיך דער שול־ענין פאַקטיש אין די הענט פונם מיניסטער און פון דער העכערער שול־ביוראָ־קראַטיע.

דאָס גאַנצע לאַנד טיילט זיך אויף „אַקאַדעמיעס“, וואָס בראש פון זיי שטייט אַ רעקטאָר מיט אַן אַקאַדעמישן ראַט, וואָס איז צונויפגעשטעלט פונקט ווי דער העכערער שול־ראַט. נידערי־קער פונם רעקטאָר שטייט אין איטלעכן דעפּאַרטאַמענט אַן אַקאַ־דעמישער אינספעקטאָר מיט אַ דעפּאַרטאַמענטישן שולראַט, וואָס אַ חוץ דעם אַקאַדעמישן אינספעקטאָר און דעם פּרעפעקט פונם

דעפּאַרטאַמענט (דער לעצטער שפּילט אַ גרויסע ראָלע אינם ווירט־שאַפטלעך־אַדמיניסטראַטיוון לעבן פון דער פאָלקסשול), גייען אין אים אַריין פאָרשטייער פונם אַקאַדעמישן ראַט, דער ראש פון די לערער־סעמינאַריעס און צו צוויי פאָרשטייער פון דער אָרטיקער אינספּעקציע, פון די לערער און לערערינס. די ווייטערדיקע אינסטאַנץ איז—דער אינספּעקטאָר פון די אָנפאַנג־שולן, דער מער און דער געמיינדע־שולראַט. צום סוף, די לעצטע אינסטאַנץ—איז דער אָרטיקער שולראַט, וואוהין עס גייט אַריין אַ דעפּוטאַט פונם קאַנטאָן. אויף אַזאַ אופן געפינט זיך אויף די ערטער דער שול־ענין, דער עיקר, אין די הענט פון דער אינספּעקציע מיט צוגעפּאַס־טע שולראַטן און פון דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע—פונם פּרע־פעקט, מער און קאַנטאָנאַלן דעפּוטאַט. מירן פאַרצייכענען, אַז אין די דערפער איז פּאַקטיש ניטאָ קיין סיסטעמאַטישע השגחה איבער דער שול.

2. אין פראַנקרייך ווערט די אָנפאַנגס־בילדונג געגעבן: א) אין מוטערלעכע שולן און אין קינדערשע קלאַסן; ב) אין עלעמענטאַרע אָנפאַנג־שולן; ג) אין העכערע אָנפאַנג־שולן; ד) אין האַנטווערקערשע שולן. דאָס זיינען פיר טיפּן פון פראַנצויזישע אָנפאַנג־שולן.

בכן איז די ערשטע מדרגה פון אָנפאַנגס־בילדונג—די מו־טערלעכע שול. זי איז אויפגעקומען פונם „מקום־מקלט" פאַר די אָרימע קינדער, און איר אויפגאַבע איז—צו געבן די קינדער אַ היים, וואָס זאָל זיי אָפּהיטן פון די שעדלעכע השפּעות פון דער גאַס און פון דער פאַרלאָזנקייט אין די אומגעזונטע דירות, השגחה געבנדיק אויף זייער פיזישער, גייסטיקער און מאָראַלי־שער אַנטוויקלונג. אין די דאָזיקע שולן ווערן אָנגענומען קינדער פון 2 ביז 6 יאָר און זיי ווערן אין זיי איינגעטיילט אויף צוויי אָפּטיילונגען: אַ יינגערע און אַן עלטערע. די עלטערע אָפּטיי־לונג עקסיסטירט אָפט ביי דער עלעמענטאַרער שול ווי אַ איניאָ־ריקע אָדער אַ צווייאָריקע אָפּטיילונג, און דאַן רופט זי זיך „קינדערשע קלאַסן". די מוטערלעכע שולן זיינען אָפן כמעט אַ גאַנצן טאָג.

מוטערלעכע שולן עפנט די זעלבסטפאַרוואַלטונג לפי איר אייגענעם פאַרלאַנג אָדער לפי דער פאָדערונג פונם שולראַט ביי געוויסע תּנאים. זיי ווערן אינספעקטירט דורך דער מלוכה און פאַרוואַלטעט דורך אַ דיפּלאָמירטער דערציערין (די אינספעקציע באַשטייט אויך פון פרויען). אַלע באַשעפטיקונגען שטרעבן צו טראָגן אַ ניט־געצוואונגענעם, ניט איינמידנדיקן און אַ לעבנס־פּראַקטישן כאַראַקטער; דאָך איז דאָ ניט אויסגעלאָזן דער עלע־מענט פון שול־דיסציפּלין און בוך. דער לימוד באַשטייט פון 1) שפּילן און פון מדרגותוויז ווייטער אַלץ מער קאָמפּליצירטע באַ־וועגונגען מיט געזאַנג; 2) פון האַנט־באַשעפטיקונגען; 3) פון עלע־מענטאַרער מאָראַלישער דערציאונג, פון צוגעוויינען צו אָרדענונג, צו היגיעניע און צו אַנטוויקלען אַלטרואיסטישע רגילותן; 4) פון איבונגען אין דער מינדלעכער גראַמאַטיקאַליש־רעגלמעסיקער שפּראַך; 5) פון געגנשטאַנד־לעקציעס און שמועסן וועגן ערשיי־נונגען פונם טאָג־טעגלעכן לעבן; 6) פון התחלה־איבונגען אין ציי־כענען, לייענען, שרייבן (אַראָפּשרייבן) און רעכענען (די פיר אַקטן איבער צאָלן ביז 50). די מוטערלעכע שולן ווערן לפי־ערך אָפט רעפאָרמירט און איצט הייבן זיי אָן אַרונטערצופאַלן אונטער דער השפּעה פון פרעבל און מאָנטעסאָרי (די לעצטע האָט באַ־זונדערס אַ השפּעה אויף דער מעטאָדיק פון לערנען לייענען, שרייבן און רעכענען). מירן באַמערקן, אַז איטאַליע און די ראָמאַנישע שווייצאַריע זיינען אין דעם ענין פון אַוועקשטעלן די פאָרשול־דערציאונג ענלעך אויף פראַנקרייך.

די צווייטע מדרגה פון אָנפאַנג־בילדונג איז—די עלעמענ־טאַרע אָנפאַנג־שול. די דאָזיקע מדרגה איז אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע קינדער פונם געהעריקן עלטער. אַלע יאָר שטעלט דער מער צונויף אַ רשימה פון אַלע קינדער פון 6 ביז 13 יאָר און איז מודיע זייערע פאַמיליעס וועגן דעם אָנהייב פון די לימודים. אויב די פאַמיליעס זיינען ניט מודיע מיט צוויי וואָכן פאַרן אָנהייב פון די לימודים, וועלכע שול וועלן זייערע קינדער באַזוכן, דאַן טיילט דער מער אַליין פונאַנדער די קינדער און צושיקט די געהעריקע רשימות איבער די שולן. אַן אויסגעקליבענע „שול־קאָמיסיע״ פון

דער געמיינדע אונטערן פּאָרזיץ פונם מ״ר ג׳יט אַכטונג, ס׳זאָל אָפּגעהיט ווערן די התחייבות צו באַזוכן די שול. צום סוף פון איטלעכן חודש שיקט די שול אין דער דאָזיקער קאָמיסיע ידיעות וועגן די מאַנקירונגען. די שול־קאָמיסיע באַזיצט ברייטע פול־מאַכטן טיילווייז צו באַפּרייען קינדער פון שול, נאָר דער שול־ראַט און דער אינספּעקטאָר דאַרפן עס באַשטעטיקן. אין פאַל, ווען די מאַנקירונגען קענען ניט פאַרענטפערט ווערן, איז די שול־קאָמיסיע מודיע די עלטערן און קלאָגט זיי, צום סוף, אָן אין גע־ריכט, וואָס באַשטראָפט מיט אַ געלט־שטראָף און מיט אַרעסט. מירן אָבער באַמערקן, אַז די שול־קאָמיס׳עס אַרבעטן אָפּט פויל אָדער פונקציאָנירן אַפילו ניט, וואָס אייניקע דערקלערן מיטן ניט באַפרידיקדיקן צונויפשטעל פון זייערע מיטגלידער, וואָס ווערן אויסגעקליבן דורך די קאָנטראָלירטע גופא. פונדעסטוועגן זיינען אַלע קינדער פונם געהעריקן עלטער פאָרמעל מחויב צו לערנען זיך, און צו באַקומען דעם דאָזיקן אונטעריכט אין דער פאַ־מיליע האָבן רעכט בלויז די קינדער, וואָס האַלטן פעריאָדיש עק־זאַמענס אין אַ באַזונדערער קאָמיסיע אונטערן פּאָרזיץ פונם אינס־פּעקטאָר פון די פאָלקס־שולן.

וואָס איז דאָס אָבער אַזוינס די עלעמענטאַרע אָנפאַנג־שול?

אויב מ׳זאָל ניט רעכענען די קינדערשע קלאַסן, צעטיילט זיך די עלעמענטאַרע אָנפאַנג־שול אויף דריי 2־יאָריקע קורסן: עלעמענטאַרער (פון 7 ביז 9 יאָר), מיטעלער (פון 9 ביז 11) און עלטערער (פון 11 ביז 13). דערביי קען דער תלמיד, וואָס האָט געענדיקט דעם מיטעלן קורס, פאַרגיכערן זיין פאַרברענגען אין שול, ד. ה. פאַרקירצן די צייט פון לערנען זיך אין שול. די באַפעלקערונג שטרעבט אַפילו אויסצונוצן די דאָזיקע מעגלעכקייט צו פאַרקירצן די לערן־צייט, אָבער פאַר דער קולטור פון פאָלק איז דאָס גיכער אַ שאָדן. יינגלעך און מיידלעך שטרעבט מען געוויינלעך צו לערנען באַזונדער. די מלוכה האַלט אין איר רשות די פעדאַגאָגישע אַרבעט פון דער שול, גרייט־צו און האַלט־אויס די לערער; די דעפּאַרטאַמענטן, וואָס ווערן סובסידירט פון דער רעגירונג, פאַרוואַלטן דעם ענין פון בויען און אויסשטאַטן שולן.

די געמיינדעס האַלטן אויס די שול-לאָקאַלן און צאָלן די לערערס.

די פראָגראַמע פון דער עלעמענטאַרער שול ווערט צונויפ-געשטעלט פון דריי אָפּטיילונגען: פיזישע דערציאונג, גייסטיקע און מאָראַלישע. די פיזישע דערציאונג באַשטייט פון היגיענע, גימנאַסטיק, פיזישע אַרבעט פאַר יינגלעך און האַנט-אַרבעט פאַר מיידלעך. זי איז בכלל אַוועקגעשטעלט הויך. די שול און די קלאַסן בויט מען, רעכענענדיק זיך שטרענג מיט די סאַניטאַרע פאָדערונגען; ביי דער שול איז דאָ אַ געדעקטער הויף און אַ לאָנקעלע אָדער אַ גאָרטן; די השגחה פונם דאָקטאָר אויף דער שול און אויף די תּלמידים ווערט געוויינלעך געפירט ענערגיש; ס׳זיינען אָרגאַניזירט אומזיסטע מיטאָגן. אַ חוץ די טעאָרעטישע ידיעות אין צוזאַמענהאַנג מיט פיזיאָלאָגיע, פראַקטיקירט זיך ביי דעם לימוד פון היגיענע אויך דער ענין פון צוגעוויינען די קינ-דער צו אַ היגיענישן לעבן און ס׳איז דאָ אַ באַזונדערע פראָגראַמע איבער אַלקאָהאָליזם. צו גימנאַסטיק, וואָס ווערט דורכגעפירט אין זאַל אָדער אויפן הויף, ווערן צוגעצויגן אויך מיידלעך; דערביי ווערט געלייגט אַ סך אויפמערקזאַמקייט, אַ חוץ דעם געזונט, אויך אויף אויסאַרבעטן פלינקייט, שטאַרקייט און פיינקייט; ס׳איז אַנט-וויקלט גימנאַסטיק אויך מיט גימנאַסטישע מכשירים. די פיזישע אַרבעט מאַכט, צום סוף, באַקאַנט מיט די אופנים פון אַרבעט איבער האָלץ און מעטאַל, אָבער בכלל איז זי אַוועקגעשטעלט מיטלמעסיק.

די מאָראַלישע ערציאונג באַשטייט פון אויסלערנען אַ ספּע-ציעלן קורס פון מאָראַל. אין דער קאַטוילישער פראַנקרייך ווערט רעליגיע ניט געלערנט אין דער מלוכהשאַפטלעכער שול. דער אונטעריכט געפינט זיך אין דער דאָזיקער שול אויסשליסלעך אין די הענט פון וועלטלעכע לייט. דערפאַר פונקציאָנירן ניט די מלוכהשאַפטלעכע שולן, אַ חוץ זונטאָג, אויך נאָך אַ טאָג אין וואָך (געוויינלעך דאָנערשטאָג), כדי צו לאָזן די עלטערן געבן, אויב זיי ווילן, זייערע קינדער אַ רעליגיעזע בילדונג מחוץ לתּחום פון די שול-בנינים. די דערווייטערונג פון רעליגיע פון דער מלוכה-

שאַפטלעכער שול דערקלערט זיך מיטן געראַנגל פון דער פראַנ־צויזישער רעפובליק מיט דער מאָנאַרכיסטישער פראָפּאַגאַנדע פון דער קאַטוילישער גייסטלעכקייט אין דער שול און איז אַ ריין פּאָליטישע תּחבולה. אָנשטאָט רעליגיע איז איינגעפירט געוואָרן דער לימוד פון מאָראַל. די פּאַרטיידיקער באַגריסן דעם דאָזיקן לימוד, זעענדיק אין אים די באַפרייאונג פונם פּאָלקס באַוואוסטזיין פון דער מיטלאַלטערישער קירכלעכער מאָראַל, וואָס איז געגרינדעט אויף דער אויסערלעכער סאַנקציע פון איבערנאַטירלעכן אויטאָריטעט; די קעגנער וואַרפן־פאָר דעם דאָזיקן לימוד, אַז ער איז דורכגעדרונגען מיט אַן אַבסטראַקט־ביכערשער טעאָרעטישקייט און מיט געמיינער בורזשואַזישקייט.

די גייסטיקע ערציאונג נעמט־אַריין די מוטערשפּראַך, געשיכטע (סיסטעמאַטיש די פראַנצויזישע און עפּיזאָדיש די אַלגעמיינע), געאָגראַפיע (בפרטיותדיק די פראַנצויזישע און אייראָפּעאישע און בקיצור וועגן אַלע טיילן וועלט), גאַנץ אַריטמעטיק און די ערשטע באַגריפן וועגן חשבון־פירונג, געאָמעטריע (די אויסרעכענונג פון שטחים און אומפאַנגן, אָפּריס און ניוועלירונג), נאַטורוויסנשאַפט (די לעבעדיקע נאַטור, דער מענטש, פיזיק און כעמיע), ערדאַרבעט, גאָרטנאַרבעט, צייכענען און געזאַנג. אַ חוץ דעם, גייט מען דורך פונם סאַמע ייִנגסטן קורס אָן דעם לימוד פון בירגערישקייט, וואָס מאַכט באַקאַנט מיט דער מלוכה־אָרדענונג פון פראַנקרייך, מיטן געריכט, מיטן חוב פון מיליטער־דינסט און פון שול־אונטעריכט וכדומה. דורך דעם לימוד פון בירגערישקייט גייען־דורך ווי אַ רויטער פאָדים דריי אידעען: דער ליבעראַליזם פון דער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט, די לערע וועגן די התחייבותן פונם מענטשן אַלס בירגער און די אידעע פון סאָציאַלער סאָלידאַריטעט.

די פראַנצויזישע פּראָגראַמע איבערראַשט מיט איר האַרמאָנישן סדר, דורכגעטראַכטקייט און אויספירלעכקייט. בכלל איז זי ברייט דעטאַליזירט און לאָזט איבער ווייניק אָרט פאַר דער פּעדאַגאָגישער שאַפערישקייט פונם לערער. זי איז איינאַרטיק און

שטרעבט צו זיין אַ מוסטערהאַפטע, וואָס דער לערער מוז שטרעבן איר דורכצופירן.

די לימודים אין שול געדויערן קרוב 9 חדשים, 5 טעג אין וואָך צו 6 שעה אַ טאָג (פון 8 אַ זייגער ביז 11 און פון 1 ביז 4). די לעקציעס־סיסטעמע און דאָס לערנבוך שפּילן אַ גרויסע ראָלע. די לערנביכער זיינען געוויינלעך שיין אַרויסגעגעבן, מיט אַ סך צייכענונגען, מיט אַ אינטערעסאַנטן טעקסט, מיט קלאָרע דעפיניציעס אוןביישפּילן, מיט קוועסטאָרן, בכלל לפי דעם לעצטן וואָרט פון פּעדאַגאָגישער טעכניק. דער טאָוול און דאָס בילד שפּילן אינם אונטעריכט אַ גרויסע ראָלע. די לעקציעס ווייסן די תּלמידים געוויינלעך גוט, אָבער „לויט דעם לערנבוך", און עס וואַרפט זיך אין די אויגן די איינאַרטיקייט פון דער הויך פונם קלאַס. גרויס אויפמערקזאַמקייט ווערט געלייגט אויף שריפטלעכע ענטפערס, אָרטאָגראַפיע און סטיל, אויף דער ליטעראַרישקייט פון דער שפּראַך און אויף אויסלערנען אויסוויניק די מוסטערן.

די לערער זיינען מחויב צו האָבן דיפּלאָמען און אָפּהענגיק פון זייער איכות און כּמות, ווי אויך פון זייער פּעדאַגאָגישן סטאַזש און דער אַטעסטאַציע פון די שררות, טיילן זיי זיך אויף קאַטעגאָריעס. דער פראַנצויזישער לערער איז דעריבער אָפּט אויף זיין שטייגער אַ קאַריעריסט. ער באַזיצט די טעכניק פון אונטעריכט, שפּירט־נאָך די לערנביכער, גייט־דורך מיט הצלחה די פּראָגראַמע און גיט גוט די לעקציעס. געוויינלעך איז ער אַ הייסער פּאָליטיקער, אָפּטער פון אַלץ אין גייסט פונם מעסיקן רעפּובליקאַניזם, אָבער ניט זעלטן איז ער אַ סינדיקאַליסט און אַפילו אַנטימיליטאַריסט.

די העכערע אָנפאַנג־שולן, באַזונדערע אָדער ווי אַ העכערער בנין איבער די עלעמענטאַרע שולן, דערגענטערן זיך אַלץ מער צום טיפּ פון האַנטווערקערשע שולן; דערביי פיגורירן דאָ קאָנטאָרישע ידיעות און ערד־אַרבעט. בקיצור, דאָס זיינען אַלץ—פּראָפעסיאָנעלע און אַלגעמיינע בילדונגס־שולן, וואו עס ווערן געוויינלעך אָנגענומען שילער פון 11 ביז 18 יאָר און מ׳לערנט פון 1 ביז 3 יאָר.

די פּריוואַטע שול איז פריי אין דער פּראָגראַמע און אין די מעטאָדן, אָבער עס קען איר האַלטן בלויז אַ דיפּלאָמירטע פּערזאָן מיט בירגער־רעכט. פונדעסטוועגן איז זי אונטערוואָרפן דער סאַנקציע און קאָנטראָל מצד דער סאַניטאַריע און מאָראַל. די קאָנגרעגאַציעס איז פאַרווערט יעדער אונטעריכט.

3. אין פראַנקרייך, ווי געזאָגט, איז די אָנפאַנגס־בילדונג אָבליגאַטאָריש. מ׳קען איר באַקומען אין די נידעריקערע שולן, געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע, אָדער אין דער פאַמיליע, אָבער מ׳קען איר באַקומען אויך אין מיטל־שול. די פראַנצויזישע מיטל־שול גיט הן אָנפאַנגס־בילדונג הן מיטעלע בילדונג. די זאַך איז, וואָס די פראַנצויזישע מיטל־שול אין אירע ערשטע צוויי קלאַסן (8 און 9), וואָס בילדן די צוגרייטונגס־אָפּטיילונג, פאַלט אינגאַנצן צונויף לויט איר פּראָגראַמע מיטן עלעמענטאַרן קורס פון דער נידעריקערער אָנפאַנג־שול און אונטערשיידט זיך בלויז דערמיט, וואָס זי איז אַ געצאָלטע שול. בכן איז דער חילוק צווישן דידאָזיקע צוויי טיפּן שולן—אַ סאָציאַלער אָדער, פּשוטער גערעדט, אַן עקאָנאָמישער. אינם יסוד פונם באַשלוס פון די עלטערן אָפּצוגעבן די קינדער אין דער אָנפאַנג־שול אָדער אין דער מיטלשול ליגט אַ סאָציאַלער מאָטיוו. אויך דער דריטער יינגערער קלאַס (דער 7־טער), וואָס בילדעט די עלעמענטאַרע אָפּטיילונג, שיידט זיך אונטער פון דער נידעריקערער שול בלויז מיט צוויי שעה נייע שפּראַכן. אייגנטלעך ווערט די מיטלבילדונג געגעבן אין משך פונם ווייטערדיקן 7־יאָריקן קורס, וואָס טיילט זיך אויף צוויי ציקלען, איינער—אַ פיריאָריקער, דער צווייטער—אַ דריי־יאָריקער. דער ערשטער ציקל פאַר תּלמידים פון 10—14 יאָר, וואָס מ׳קען אים רופן פּראָגימנאַזיע, פאַלט פונאַנדער אויף צוויי אָפּטיילונגען: א׳ און ב׳. אין דער אָפּטיילונג ב׳ ווערט אָפּגעגעבן מער שעהן אויף דער מוטערשפּראַך, מאַטעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפט און מ׳גייט אויך דורך קאַליגראַפיע, צייכענען און געוואוינהייטס־רעכט; אין דער אָפּטיילונג א׳ גייען דידאָזיקע שעה׳ן אַוועק אויף לאַטיין. אין ביידע אָפּטיילונגען זיינען די פּראָגראַמען פון איינצלנע לימודים אַזוי צונויפגעשטעלט, אַז די תּלמידים זאָלן באַקומען

פאַרענדיקטע ידיעות, וואָס מ׳קען זיי דערויף אַרויסגעבן דעם געהעריקן דיפּלאָם. לערן־שעה׳ן אין איטלעכן קלאַס איז סך־הכּל פאַרהאַן 22—24. דער ווייטערדיקער ציקל אין די ערשטע 2 יאָר (2־טער און 3־טער קל.) פאַלט שוין פונאַנדער אויף 4 אָפּטיילונגען: 1) פון אַלטע שפּראַכן, 2) לאַטיין און נייע שפּראַכן, 3) לאַטיין און נאַטורוויסנשאַפט, 4) נאַטורוויסנשאַפט און לאַטיין. דערביי זיינען דאָ אין די ערשטע צוויי אָפּטיילונגען פאַר די, וואָס ווילן, הוספה־שעה׳ן אויף מאַטעמאַטיק און צייכענען. נאָכן ענדיקן דעם 1־טן קלאַס האַלטן די תּלמידים דעם ערשטן טייל פון אַרויסלאָז־עקזאַמען; דערביי איז פאַרהאַן צוויי סעסיעס, און ווער ס׳איז דורכגעפאַלן אין יולי, קען האַלטן נאָך אַמאָל עקזאַמען אין אָקטאָבער. דער סאַמע לעצטער קלאַס רופט זיך קלאַס פון פילאָסאָפיע און מאַטעמאַטיק און טיילט זיך בהסכּם דערמיט אויף צוויי אָפּטיילונגען. נאָך דעם דאָזיקן קלאַס האַלט מען דעם לעצטן טייל פון די אַרויסלאָז־עקזאַמענעס און מ׳באַקומט דעם טיטל באַקאַלאַוור פון מיטל־בילדונג, גלייך פאַר אַלע אָפּטיילונגען. דידאָזיקע עקזאַמענעס ווערן געהאַלטן אין אַ ספּעציעלער אַקאַדעמישער קאָמיסיע, וואָס באַשטייט פון פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעט און גימנאַזיעס, און זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער שווערקייט.

אויף אַזאַ אופן באַגעגענען מיר זיך אין דער פראַנצויזישער מיטל־שול מיט אַ בייגעוודיגקייט פון דער פּראָגראַמע, וואָס פּראָגרעסירט מיטן עלטער און וואָס גיט די מעגלעכקייט, בהסכּם מיט די אַרויסגעוויזענע כּשרונות, אַריבערצוגיין פון איין אָפּטיילונג אין דער אַנדערער. אַ חוץ דעם, באַגעגענען מיר זיך דאָ מיט קאָנצענטערס פון אונטעריכט, מיט אַן אויסוואַל פון פּאַראַלעלע און פאַרבייטנדיקע קורסן און מיט פאַקולטאַטיווע שעה׳ן. די פראַנצויזישע מיטלשול פאַרענטפערט מיט הצלחה די שאלה וועגן דער אינדיווידואַליזאַציע פון דער מיטלבילדונג. מיר׳ן צוגעבן, אַז די ליצייען האָבן אויך קורסן פון „העכערער ריטאָריק" (ליטעראַטור) און „ספּעציעלער מאַטעמאַטיק" (די צוגרייטונג, למשל, צו אינזשענערישע שולן).

דער ליציי — איז אַ קאַזיאָנע מיטלשול. די געמיינדע

מיטלשול הייסט קאָלעדזש. בנינים פאַר יעדער מיטלשול גיט די געמיינדע, אָבער אויסהאַלטן האַלט די געמיינדע אויס בלויז די קאָלעדזשן. מיטן לערן־אַדמיניסטראַטיוון טייל פון אַלע מיטל־שולן פירט־אָן דאָס מיניסטעריום אין דער פּערזאָן פונם אַקאַדע־מישן אינספּעקטאָר. בראש פונם ליציי שטייט אַ „פּראָוויזאָר“, וואָס גיט געוויינלעך ניט קיין לעקציעס. זיין ממלא־מקום און געהילף, דער „בילדונגס־צענזאָר“, גיט השגחה אויף דער דיס־ציפּלין. היות כמעט אַ העלפט תּלמידים וואוינען אין אינטערנאַט, שפּילט דעריבער אַ וויכטיקע ראָלע דער עקאָנאָם אָדער דער נאמן. דער פּעדאַגאָגישער ראַט שפּילט אַ קליינע ראָלע. בכדי צו ווערן אַ לערער פון ליציי, דאַרף מען געוויינלעך אַ פריער ענדיקן אַ מיטלשול און עטלעכע יאָר גרייטן זיך צום קאָנקורס, נאָכדעם דורכגיין אַ דרייאָריקע „העכערע נאָרמאַלע שול“ (אַ לערער־סע־מינאַר) און אויסהאַלטן מיט אויסצייכענונג אַ ספּעציעלן עקזאַמען, וואָס גיט דעם טיטל „אַגרעזשע“ (פּראָפעסאָר־געהילף, אַדיונקט). דער לערער פון ליציי איז אַ גוטער ספּעציאַליסט — אַ אונטעריכטער, אָבער נאָר אַ אונטעריכטער, און ניט קיין לערער און דערציער. ווייטער, זיינען אין די ליציען דאָ „רעפּעטיטאָרס“, יונגע באַ־קאַלאַוורס, וואָס גיבן אַכטונג, די תּלמידים זאָלן וויסן די לעק־ציעס. אויף דער אויפפירונג פון די תּלמידים גיבן אַכטונג באַ־זונדערע משגיחים. די גאַנצע צייט פון די תּלמידים איז שטרענג איינגעטיילט, און גאָר די צייט געפינען זיי זיך אונטער דער השגחה פון ספּעציאַליסטן. דאָס געוויינט־צו צו רעגולערקייט, אָבער ס׳טויט אָפּ דעם ווילן.

אינם פּרויען־ליציי קומט־אָן אַ מיידעלע צו 8 יאָר און נאָכן אָפּלערנען אין די עלעמענטאַרע קלאַסן טרעט זי צו 13 יאָר צו צו מיטל־בילדונג, וואָס געדויערט 5 יאָר און טיילט זיך אויף 2 ציקלען: אַ 3־יאָריקן און אַ 2־יאָריקן; דערביי באַגרעניצן זיך אַ סך מיטן ערשטן ציקל. די פּראָגראַמע איז קלענער פונם מאַנסבילשן ליציי; ס׳זיינען לגמרי ניטאָ קיין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, ניטאָ קיין אַלטע שפּראַכן, ס׳איז אָבער דאָ נייען, שניידן, הויזפירונג. די מדרגה פון די לערערינס איז אַ ביסל קלענער פון דער מדרגה

פון די ליציי־לערער. קיין טיטל באַקאַלאַוור גיט ניט דער פּרוי־ען־ליציי.

דער קאָמונאַלער קאָלעדזש ווערט פאַרוואַלטעט דורך אַ „פּרינציפּאַל״ און נאָמינעל איז ער גלייך צום ליציי, אָבער פּאַקטיש זיינען אין קאָלעדזש ערגערע לערער (ניט קיין אַגרעזשע), ערגערע רעפּעטיטאָרס (אַפילו ניט קיין באַקאַלאַוורס), אַן ערגערע אָרגאַניזאַציע פונם פּאַנסיאָן (אַ פּריוואַטער ענין פונם פּרינצי־פּאַל) און ס'זיינען ניטאָ קיין צוגעגעבענע העכערע קלאַסן. דער קאָלעדזש איז זייער אַ פּאַרמאָגערטער ליציי. אויף אַזאַ אופן איז די בעסטע מיטלשול אין פראַנקרייך—די קאַזיאָנע. וואָס איז שייך דער פּריוואַטער שול, עקסיסטירט זי אויף יסודות, וואָס זיינען גלייך מיט דער פּריוואַטער נידעריקערער שול.

דערזעלביקער פּרינציפּ פון צענטראַליזאַציע פון דער פּאַר־וואַלטונג גייט־דורך אויך דורך דער הויכשול. דער אוניווערסי־טעט איז אַ שטרענג־מלוכהשאַפטלעכער מוסד, וואָס באַזיצט כמעט ניט קיין שום זעלבשטענדיקייט; פּאָרזיצער אויף די זיצונגען פונם ראַט איז דער אַקאַדעמישער רעקטאָר און די החלטות פון ראַט ווערן סאַנקציאָנירט דורכן מיניסטער. אייגענטלעך ווערט דער אוּ־ניווערסיטעט אין פראַנקרייך ערשט איצט געשאַפן. בכלל גערעדט, הערשט דאָרטן די סיסטעם פון באַזונדערע פאַקולטעטן, מיט אַנדערע ווערטער, דער אוניווערסיטעט איז זיך פונאַנדערגעפאַלן אויף אַ ריי באַזונדערע ספּעציעלע הויכשולן. מחמת דער הויכער געצאָלט (פּונקט ווי אין ליציי) זיינען די סטודענטן געוויינלעך פון די תקיפע פאַמיליעס. די לערע טראָגט אין אַ שטאַרקער מאָס אַ שול־כאַראַקטער. ס'ווערן דערלאָזן פּרויען־באַקאַלאַוורס. אַ באַדיי־טנדיקער טייל פון די אוניווערסיטעטישע לעקציעס איז אַן עפנטליכער, ד. ה. אָפן פאַר יעדן, ווער ס'פאַרלאַנגט. באַזונדערס האָט אַזוינע עפנטלעכע לעקציעס אַנטוויקלט די „קאָלעגיע פראַנק־רייך״, וואָס מ'קען איר אָנרופן מלוכה־אוניווערסיטעט, צוטריטלעך פאַר אַלעמען.

ב. די דייטשע שול.

1. אין פאַרשיידענע מדינות פון דייטשלאַנד באַגעגענען מיר זיך מיט לפי ערך פאַרשיידענע סיסטעמעס פון שולן. דערייבער דאַרף מען זיך אָפּשטעלן אויף אַ וואָסער־ס׳איז איין מדינה. מיר׳ן זיך אָפּשטעלן אויף בייערן, בפרט אויף מינכען, און מירן עס טאָן מחמת דריי סיבות: 1) די מינכענער פאָלקס־שולן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך קערשענשטיינער, האָבן אַ שם אין דער פּעדאַגאָגישער וועלט; 2) די איבעריקע דייטשע שולן מאַכן זיי נאָך; 3) זיי זיינען—טיפּישע דייטשע שולן.

בראש פון דעם שול־ענין שטייט דער מיניסטער פון רעליגיע און אונטעריכט. די איבעריקע אינסטאַנצן זיינען—די געגנט־פאַרוואַלטונגען; נאָך זיי גייען פאַר די אָנפאַנג־שולן קרייז־אינספּעקטאָרן און, צום סוף, אָרטיקע אינספּעקטאָרן (געוויינלעך דער פּאַסטאָר). אויף אַזאַ אופן געהערט אויך אין דייטשלאַנד די אויבערשטע פאַרוואַלטונג איבער די שולן—דער מלוכה, וואָס גיט פונדעסטוועגן אויפן געביט פון פאָלקסבילדונג אַ באַדייטנדיקן, הגם אַפילו אַן אומבאַשטימטן אָרט דער געזעלשאַפטליכער איניציאַטיוו. אַזוי איז, למשל, אין מינכען די נאָענטסטע אינסטאַנץ, וואָס אין איר רשות געפינט זיך דער שול־ענין און וואָס איז אונטערוואָרפן דער קרייז־פאַרוואַלטונג—די שול־קאָמיסיע אונטערן פאָרזיץ פונם שטאָט־פּרעזידענט, וועלכע באַשטייט כמעט אויף אַ העלפט פון פאָרשטייער פון שטאָט און פון דער אינספּעקציע. מ׳דאַרף אויך באַמערקן, אַז די לאָקאַלע אינספּעקטאָרן־פּאַסטאָרס שפּילן אַ קליינע ראָלע; דערפאַר אָבער האָבן אַ געוואַלדיקע באַדייטונג דער שולראַט און די שול־אינספּעקטאָרן פון שטאָט. די ראָלע פון די אָרגאַנען פון זעלבסטפאַרוואַלטונג אין דייטשלאַנד קען מען, אויב איר ווילט, פאַרגלייכן מיט דער ראָלע פון די רוסישע זעמסטוועס אין דער פרייערער פאַר זיי צאַרישער צייט.

אין דער פאָרשול־דערציאונג מישט זיך די מלוכה לגמרי ניט אַריין, אָבער די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג אין מינכען האָט אָרגאַניזירט אַ נעץ פון פרעבעלישע קינדער־גערטנער (לערנען אין זיי ווערט פאַרווערט פון דער מלוכה) לויט פרעבעלס סיסטעם. דער קינדער־גאָרטן געפינט זיך אין בנין פון דער שול, וואָס שטימט מיט אים אין פעדאַגאָגישן הינזיכט. אינם קינדער־גאָרטן באַשעפטיקן זיך די קינדער (פון 3 ביז 6 יאָר) מיט פרעבעלישע האַנט־באַשעפטיקונגען, מיט שפילן און געגנשטאַנד־לעקציעס אין צוזאַמענהאַנג מיט די צייטן פון יאָר און מיט דערציילונגען. ס'איז דאָ אַ לערן־פּלאַן, אָבער ער טראָגט אַ ביישפּילהאַפטן כאַראַקטער. די קינדער־גערטנער זיינען אָפן אַ גאַנץ יאָר.

2. די צווייטע מדרגה איז—די אָנפאַנג־פאָלקסשול. זי איז אָבליגאַטאָריש. די מנהגים פון לאַנד און די פאָדערונגען פונם פּראָטעסטאַנטיזם בנוגע קאָנפירמאַציע העלפן שטאַרק מיט פאַקטיש דורכצופירן דעם פרינציפּ פון אָבליגאַטאָרישקייט. אין מינכען איז אָנגענומען די סיסטעם פון גרויסע שולן פאַר 1500—2000 תלמידים, ביז 35 קלאַסן וכדומה. דער אָפּגעזונדערטער אונטעריכט פון די געשלעכטער ווערט אָפּגעהיט שטרענג. דער לערן־קורס געדויערט 8 יאָר.

די פּראָגראַמע ווערט איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילונגען: 1) רעליגיע; 2) שפּראַך; 3) רעאַלער אונטעריכט; 4) חשבון; 5) איבונגען. דער לימוד פון רעליגיע געפינט זיך אין די הענט פון דער קירכלעכער מאַכט; דערביי ווערן די קינדער פונאַנדערגעטיילט איבער פאַרשיידענע שולן לויט די אמונות, וואָס שאַפט אַ רעליגיעזן פּירוד און מאַכט שווער דער מינדערהייט צו באַזוכן די שולן. אויף שפּראַך ווערט אין 8 קלאַסן אָפּגעגעבן 89 שעה. דערביי ווערט דער לימוד פון דער שפּראַך איינגעטיילט אויף אַזוינע אָפּטיילונגען: 1) איבונגען אין ריידן (2 שעה); 2) פּראַקטישער אונטעריכט פון דער שפּראַך צו ערציען דעם געפיל פון ריכטיק ריידן (6 ש.); 3) לייענען (28 מיט אַ האַלבע ש.); 4) פאַרפאַסונג (18 מיט אַ האַלבע ש.); 5) אָרטאָגראַפיע (6 ש.); 7) ריינשריפט (6 ש.).—דער רעאַלער אונטעריכט (41 ש.) באַשטייט פון

די אָפּטיילונגען: 1) געגנשטאַנד־לעקציעס (6 ש.); 2) פּאָטערלאַנד־וויסנשאַפט (4 ש.); 3) געאָגראַפּיע (6 ש.),—דערביי ווערן די געגנשטאַנד־לעקציעס געפירט 2 יאָר, פּאָטערלאַנד־וויסנשאַפט — די ווייטערדיקע 2 יאָר, און געאָגראַפּיע—די ווייטערדיקע 3 יאָר לויט דער פּראָגראַמע: דייטשלאַנד, אייראָפּע, די ערד; 4) געשיכטע (8 ש.) אויסשליסליך פון דייטשלאַנד; 5) ביאָלאָגיע און פיזיק (16 ש.). —חשבון (41 ש.) נעמט־אַרום גאַנץ אַריטמעטיק (אויף געאָמעטריע 2 שעה אין לעצטן קלאַס), דערביי איז דער 8־טער קלאַס באַשעפטיקט מיט אַלערליי מעגלעכע פּראַקטישע ווירטשאַפטלעכע אויסרעכענונגען און חשבון־פירונג. — איבונגען (44 ש.) נעמען אַרום צייכענען (19 ש.), געזאַנג (7 ש.), גימנאַסטיק (16 ש.) און האַנט־אַרבעט (סך־הכל אין 8־טן קלאַס 4 ש.).

די פּראָגראַמע פאַרוואונדערט מיט איר לעבנספעאיקייט און פּראַקטישקייט. די טעאָרעטיזאַציע איז שטאַרק פאַרקירצט. פאַרקערט, מ׳קען איר פאָרוואַרפן פאַר צופיל אוטיליטאַריזם.

דער לערניאָר געדויערט מער ווי 9 חדשים. די לעקציעס גייען פון 8 ביז 12 און פון 2 ביז 4 (די קליינינקע קומען שפּעטער און גייען אַוועק פריער). דער קאָמפּלעקט איז, ווי אין פראַנקרייך, 50 מאַן. קיין אָבליגאַטאָרישע לערנביכער זיינען ניטאָ, קיין לעקציעס אויף אַהיים ווערן ניט אַרויסגעגעבן. אַ גרויסע באַדייטונג ווערט צוגעגעבן די פּראַקטישע אַרבעטן און דער נאָענטקייט פון די לערן־טעמעס צום לעבן. ס׳פּראַקטיצירן זיך עקסקורסיעס (דורכשניטלעך 6—7 אין יאָר) און שפּילן. ביי די שולן זיינען דאָ בעדער, וואו די תּלמידים וואַשן זיך אַלע טאָג. די סאַניטאַרע השגחה איז גרויסאַרטיק, ס׳זיינען אָרגאַניזירט שול־מיטאָגן. די שול־לאָקאַלן זיינען גרויסאַרטיק.

ריידנדיק וועגן דער דייטשער שול, מוז מען דערמאָנען וועגן איר פּאַטריאָטיזם און מיליטאַריזם. אַזוי, למשל, דאַרף מען, לויט די פראַנקפורטער לערנפּלענער, אויף די לעקציעס פון דער מוטערשפּראַך אויסלערנען די שירים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער מלחמה פון די יאָרן 1870 — 1871, אָדער פּאַטריאָטישע, און דער ציל פון לערנען געשיכטע איז—די אַנטוויקלונג פון ליב־

שאַפט צום פאָטערלאַנד און איבערגעגעבנקייט צו דער דינאַסטיע. אין מינכען פאַרענדיקט זיך די פראָגראַמע פון געשיכטע אין 7-טן קלאַס מיט די אָפּטיילונגען: די אַיינגעמונגען פון דער נייער צייט (1870—71 י.), מינכען ווי אַ צענטער פון דער היינטיקער קולטור. אַזוי זיינען אויך די פראַנצויזישע לערנביכער דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַליזם און מיט דער אידעע פון רעוואַנש.

וואָס איז אַזוינס דער דייטשער לערער? קודם-כל איז ער דוקא אַ לערער, מחמת דער ענין פון ניט אויפגעבן קיין אָבליגאַ-טאָרישע לעקציעס לייגט אויף אים אַרויף אַן אַרבעט צו זאָרגן, אַז די תלמידים זאָלן איינזאַפּן די ידיעות אין קלאַס. אָבער ער איז ניט בלויז אַ לערער, נאָר אויך אַן ערציער, און וועגן דעם חינוך פון די תלמידים טראַכט ער און לייענט אַ סך. אין זיין ביבליאָטעק געפינען זיך פעדאַגאָגישע קלאַסיקער, אַ סך ביכער איבער דער פסיכאָלאָגיע פון קינד און זייער אַ סך פאַרשיידענע מוסטערהאַפטע מעטאָדיקעס. ווייטער, איז ער אַ מיטגליד פון דער לערערשער קאָרפּאָראַציע. די פראָפעסיאָנעלע לערערשע אָרגאַני-זאַציעס אין דייטשלאַנד זיינען זייער שטאַרק, און דער מאַסנדי-קער דייטשער לערער איז אַן אויסגעצייכנט „אָרגאַניזירטער“. צום סוף, איז דער דייטשער לערער—אַן אידעאַליסט. די מעכטיקסטע אָרגאַניזאַציע — דער אַלגעמיינער דייטשער לערערשער פאַראיין —„האָט דעם צוועק צו אַנטוויקלען די פאָלקסבילדונג דורך דער פאַרפולקומונג פון דער אָנפאַנג-שול“... און גאָר. פאַר זיך קעמפט דער לערער בלויז ווי פאַר אַ פאַקטאָר פון דער שול.

דער דייטשער לערער האָט אָבער אויך ערנסטע חסרונות. קאַרצער און לייב-שטראָף גייען אַריין אין זיין ערציאונג-סיסטעם ווי אַן אומפאַרמיידלעכער עלעמענט. ווייטער, אויב די פעדאַגאָגיק פון דער פראַנצויזישער שול איז אַ פעדאַגאָגיק פון השגחה, איז די פעדאַגאָגיק פון דער דייטשער שול—אַ פעדאַגאָגיק פון השפּעה: זי היפּנאָטיזירט דעם תלמיד מיט דער פעלזנפעסטקייט און פול-קומענשאַפט פון דער עקסיסטירנדיקער אָרדנונג און מיטן קולט פון קייזער און אַרמיי. אין דער לערערשער סביבה באַמערקט זיך אויך אַ געראַנגל, למשל, צווישן די פאַרוואַלטערס און די

לערער אָדער צווישן די לערערינס און די לערער, וואָס ווערן דורך זיי אַרויסגעשטופּט. צום סוף, פּאָרט זיך דער אידעאַליזם פון דער דייטשער לערערשאַפט צונויף מיט דער אַלטעגלעכקייט, און דער וועג פונם דרייסטן פּעדאַגאָג־רעפּאָרמאַטאָר אין דער היינטיקער דייטשלאַנד איז אַ דערנערדיקער, דערביי פּאַלט אים אויס אַ סך דערנער דווקא מצד דער לערערשאַפט.

אין מינכען זיינען אָבליגאַטאָריש צום באַזוכן ניט בלויז די אָנפאַנג־שולן, נאָר אויך די „שולן פון ווייטערדיקער בילדונג". מיט דידאַקטיק שולן פּאַרוואַלטעט אַ באַזונדערע קאָמיסיע פון פּאַר־שטייער, דער עיקר, פון שטאָט און פון די שטאָטישע לערער, אָבער אויך פונם האַנדלס־אינדוסטריעלן קלאַס און פון פּאַסטאָר־טום. דאָס זיינען 3־יאָריקע (אַן אַנדערש מאָל איז דאָ אויך אַ 4־טער יאָר) שולן פאַר אונטערוואַקסנדיקע קינדער פון 14 ביז 18 יאָר, וואָס אַרבעטן שוין אין דעם דאָזיקן עלטער אַלס לערנ־יינגלעך אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. די דאָזיקע שול איז אַ פּראָפעסיאָנעלע און האָט דעם צוועק ממלא צו זיין די חסרונות פונם לערנען זיך ביי מייסטערס־בעלי־בתים. די הויפּט־ראָלע שפּילט אין איר דער שול־וואַרשטאַט. אַזאַ שול רופט מען „אַר־בעטער־שול" (ניט ווי אַנדערע איבערזעצן פאַלש „אַרבעטס־שול"). געוויינלעך איז די צאָל שעה׳ן אין וואָך פון 8 ביז 11, וואָס ווערט איינגעשטעלט אין צוויי טעג (אַ מאָל אינדערפרי און אַ מאָל נאָך האַלבנטאָג, אָבער בשום אופן ניט אין דער ניט אַרבעטסצייט).

געוויינלעך גייט מען דאָ דורך אַזוינע לימודים: רעליגיע (איין יאָריקע שעה), חשבון און בוכפירונג (1 שעה), לייענען און קאָ־רעספּאָנדענץ (1 ש.), ספּעציעלע צייכענען (אין ס׳רוב פאַלן 3 ש.), פּראַקטישער אונטעריכט, לעבנסקענטעניש און בירגערקענטעניש (1 ש.). דער לעצטער געגנשטאַנד רעכנט זיך אויך פאַר אַ זייער וויכטיקן, און מיט אים ווערן פאַרבונדן אויך די לעקציעס פון לייענען. דער קורס זיינער באַשטייט אין אַלגעמיינער און פּראָ־פעסיאָנעלער היגיענע, לערע וועגן אָנשטענדיקייט, לערע וועגן מלאָכה און בירגערלעכע געזעלשאַפט. „אַלע שאלות ווערן באַ־טראַכט ניט פון אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט און ניט פון דער הויך

פון פויגלפלי, נאָר דווקא פון יענעם פונקט, וואָס אויף אים שטייט אָדער וועט שטיין דער תּלמיד אין לעבן". אין שלוס וועלן מיר באַמערקן, אַז די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זעט אין די „שולן פון ווייטערדיקער בילדונג" מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן כאַ-ראַקטער—אַן אַטענטאַט אויפן פּרינציפּ פון דער איינהייטלעכער שול און אינם קורס פון בירגערקענטעניש — אַ ציל איינצופליסן דעם אַרבעטער די בורזשואַזע אידעאָלאָגיע.

וואָס איז שייך די אָנפאַנג-שולן פאַר מיידלעך, איז אין זייער פּראָגראַמע ווייניקער לייענען, פיזיק און צייכענען און ס׳איז דאָ האַנטאַרבעט (24 ש.); אין 8-טן קלאַס ווידער פיגורירט ווירטשאַפטס-קענטעניש און פּראַקטישע באַשעפטיקונגען אין דער שול-קיך (צו 4 שעה). די ווירטשאַפטס-קענטעניש באַשטייט פון 3 אָפּטיילונגען: דערנערונג, קליידונג און וואוינונג. די טעכטער-שולן ווידער פון ווייטערדיקער בילדונג (די פּאָפּולערערע) זיינען 3-יאָריקע ווירטשאַפטלעכע און האַנדלס-שולן. די פּראָגראַמע פון דער ווירטשאַפטלעכער שול איז אַזאַ: רעליגיע (פאַר 3 יאָר 3 יאָ-ריקע שעה), ווירטשאַפט-קענטעניש און היגיענע (6 שעה), מוטער-שפּראַך און קאָרעספּאָנדענץ (6 שעה), חשבון (3 שעה), פּעדאַגאָ-גיק (1 שעה). די וואָס ענדיקן דעם 8-טן קלאַס פון דער אָנפאַנג-שול קומען אָן דירעקט אין 3-טן קלאַס.

צום סוף וועלן מיר דערמאָנען וועגן דער מאַנהיימער שול-סיסטעם. זי שטרעבט צו דערגרייכן אַן איינהייטלעכן צונויפשטעל פונם קלאַס און דעריבער גרופּירט זי די קינדער לויט די אָפּטיי-לונגען, נעמענדיק אין זינען זייער נאַטירלעכע אַרבעטספּעאיקייט, און בהסכּם דערמיט ווערט די פּראָגראַמע דורכגעגאַנגען אין אַ פאַרשיידענעם פאַרנעם און לפי פאַרשיידענע מעטאָדן. די מאַנ-היימער סיסטעם שטייט בהסכּם מיט דער פאָדערונג צו אינדיווי-דואַליזירן דעם אונטעריכט, אָבער פיקסירט די איינזייטיקייט און די חסרונות פון די תּלמידים.

3. מיר גייען אַריבער צו דער מיטלשול. דערביי וועלן מיר שוין האָבן אין זינען—פּרייסן. דאָרטן געפינט זיך די מיטל-שול אין רשות פונם מיניסטער און פונם פּראָווינציעלן שול-קאָ-

מיטעט פון באַשטימטע פּעדאַגאָגן. זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט בלויז דער אינהאַבער, אָבער ניט דער אַדמיניסטראַטאָר, הגם ער האָט רעכט אויסצוקלייבן לערער פון דער רעגירונגס-רשימה.

ביי דער מיטלשול, פּונקט ווי אין פראַנקרייך, עקסיסטירט געוויינלעך אַ צוגרייטונגס-קלאַס, וואוהין מ'נעמט אָן פון 6 יאָר און. אָבער די מיטלשול אין פּרייסן אונטערשיידט זיך פון דער פראַנצויזישער און גייט זיך צונויף מיט דער רוסישער: די פאַרשיי-דענע טיפּן פון בילדונג ווערן דאָ ניט צונויפגענומען אין איין און דער זעלבער שול, דאָ עקסיסטירן פאַר איטלעכן טיפּ באַזונדערע שולן: קלאַסישע גימנאַזיעס, רעאַל-גימנאַזיעס און העכערע רעאַל-שולן. אַלע באַשטייען זיי פון 9 קלאַסן פאַר תּלמידים פון 9 ביז 18 יאָר. לערן-שעהן פאַר די 9 יאָר איז פון 304 ביז 307 יעָריקע שעה.

אין דער קלאַסישער גימנאַזיע ווערט כמעט אַ העלפט לערן-צייט אָפּגעגעבן אויף אַלטע שפּראַכן, און נאָך זיי, לפי דער מדרגה פון וויכטיקייט, גייט מאַטעמאַטיק; דערביי פאַרנעמט אינם קורס פון די אַלטע שפּראַכן באַזונדערס אַ סך אָרט גראַמאַטיק. אַזאַ ראָלע פון די אַלטע שפּראַכן דערקלערט זיך מיט סיבות היסטאָרישע (די גימנאַזיע איז געשאַפן געוואָרן אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס פון דער אוראַלטער קולטור) און פּעדאַגאָגישע: 1) מ'מיינט, אַז פילאָלאָגיע, איז אַ פּרעכטיקער מיטל צו אַנטוויק-לען דעם שכל; 2) מ'האַלט די אוראַלטע קולטור פאַר העכער און מענטשלעכער. די קלאַסישע גימנאַזיע שטעלט זיך ניט קיין ציל צו געבן וויסנשאַפטן; איר ערשטע אויפגאַבע איז—צו אַנט-וויקלען דעם שכל פון דער פאָרמעלער זייט. באַזונדערס איז די דייטשע קלאַסישע גימנאַזיע געשטיצט געוואָרן דורך דער ביו-ראָקראַטיע.

אין דער העכערער רעאַל-שול זיינען ניטאָ קיין אַלטע שפּראַכן, אָבער ס'איז זייער פאַרשטאַרקט דער לימוד פון נייע שפּראַכן, נאַטורוויסנשאַפט און מאַטעמאַטיק. די פּעדאַגאָגישע טעמים פאַר רעאַלער בילדונג זיינען: 1) מאַטעמאַטיק און נאַטור-וויסנשאַפט אַנטוויקלען אויסגעצייכנט דעם שכל; 2) די היינטיקע

קולטור איז רייכער און הומאַנער פאַר דער אוראַלטער; 3) מען דאַרף געבן דעם תּלמיד ידיעות פון דער ווירקלעכקייט. די היס־טאָריקער פון דער שול שטעלן די רעאַלשול אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטוויקלונג פונם בורזשואַזן קלאַס.

די לעצטע צייט אַנטוויקלט זיך זייער שנעל די רעאַל־גימנאַזיע. זי אונטערשיידט זיך פון דער רעאַלשול מיט לאַטיין און פון דער גימנאַזיע—מיט דער איבערהערשאַפט פון די נייע שפּראַכן, מאַ־טעמאַטיק און נאַטורוויסנשאַפט. אויף אַזאַ אופן איז די רעאַל־גימנאַזיע אַ מין קאָמפּראָמיס. די דאָזיקע אַלע דריי טיפן שולן גיבן דאָס רעכט אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט. דער אַלגעמיינער חסרון זייערער איז — די צופריאיקע זעלבסטבאַשטימונג פונם תּלמיד. דערדאָזיקער חסרון ווערט די לעצטע צייט פאַרגלעט דורך דער „רעפאָרמירטער גימנאַזיע״. די פּאָפּולערסטע סיסטעם פון דער רעפאָרמירטער גימנאַזיע איז די פראַנקפורטער: אויפן 4־טן לערניאָר קענען די, וואָס ווילן, פאַרבייטן פראַנצויזיש אויף לאַטיין און פון 6־טן לערניאָר—ענגליש אויף גריכיש. אַגב, גיט דאָס די אָרימע שטעט, וואָס האָבן אַ רעאַלשול, די מיגלעכקייט צו אָרגאַ־ניזירן ביי איר קלאַסישע קלאַסן.

די מיטלשול פאַר מיידלעך (ליציי) הייבט זיך אָן פון די צוגרייטונגס־קלאַסן (6—9 יאָר), וואָס נאָך זיי גייען 7 קלאַסן, לויט דער פּראָגראַמע ענלעכע אויף דער רעפאָרמירטער רעאַל־גימ־נאַזיע. די אַלגעמיינע צאָל שעה׳ן אין דידאָזיקע 10 קלאַסן איז 172. איבערן ליציי שטייט אַ שול, וואָס טיילט זיך אויף צוויי אָפּ־טיילונגען: 1) אַ 2־יאָריקע מיידלשול (פּעדאַגאָגיק, הויזפירונג, אַרומגאַנג אַרום קינדער, האַנטאַרבעט, חשבון־פירונג, עקאָנאָמיק וכדומה); 2) אַ 4־יאָריקע סעמינאַריע פאַר ליצייאישע לערערינס. די תּלמידות, וואָס ווילן גיין אין אוניווערסיטעט, קומען־אָן צו 13—14 יאָר אין ספּעציעלע שולן לויט דער פּראָגראַמע פון מאַנסבילשע לערן־אַנשטאַלטן. דער שכר־לימוד אין דער דייטשער מיטלשול איז ניט קיין גרויסער.

אַ צווישן־רינג צווישן דער פאָלקסשול און דער גימנאַזיע איז אַ 6־קלאַסיקע „מיטלשול״—אַ פאָלקסשול מיט אַ נייער שפּראַך

און מיט אַ בפּרטיותדיקער פּראָגראַמע פון רעאַלע למודים. די דאָזיקע לערן־אַנשטאַלט, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר דער קליין־בורזשואַזיע, גוסס׳ט.

אין דייטשלאַנד מוז אַ לערער פון אַ גימנאַזיאַלער שול, נאָכן ענדיקן אוניווערסיטעט און נאָכן אָפּגעבן די מלוכה־עקזאַמענס, דורכגיין אייניאָריקע קורסן און אַ יאָר פּראַקטיקירן. די אַלגעמיינע בילדונג זיינע איז העכער איידער ביי זיין פראַנצויזישן קאָלעגע, אָבער די דידאַקטישע טעכניק איז דערפאַר נידעריקער: דער פראַנצויז איז אַ גרעסערער ספּעציאַליסט. פון דער לערערשאַפט פון דער פאָלקסשול זיינען זיי ביידע אָפּגעריסן.

מירן איצט אַריבערגיין צום אוניווערסיטעט. אין דייטשלאַנד איז דער אוניווערסיטעט אַ העכערע שול, וואָס איז אויך אַן אָרט פאַר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ער באַשטייט פון פיר פאַקולטעטן: טעאָלאָגישער, יורידישער, מעדיצינישער און פילאָזאָפישער (נאַטורוויסנשאַפטלעך־מאַטעמאַטישע און היסטאָריש־פילאָלאָגישע אָפּטיילונג). דער אוניווערסיטעט אין דייטשלאַנד איז אַ מלוכה־שול מיט באַשטימטע רעכט פון אַווטאָנאָמיע. די פּראָפעסאָרן זיינען, פונקט ווי אין פראַנקרייך, באַאַמטע פון דער מלוכה מיט געוויסע גאַראַנטיעס. אין די הענט פונם רעקטאָר, וואָס ווערט אויסגעקליבן פון די פּראָפעסאָרן, און אין די הענט פונם פּראָפעסאָרשן סענאַט, פון די פאַקולטעטן און פון די אוניווערסיטעטישע באַאַמטע געפינט זיך די אָרגאַניזאַציע פון אונטעריכט, די שליטה איבערן אייגנס און ביודזשעט פון אוניווערסיטעט און די השגחה איבער די סטודענטן. אַחוץ די פּראָפעסאָרן זיינען נאָך פאַרהאַן פּריוואַט־דאָצענטן, וואָס זיינען ניט קיין מיטגלידער פון דער פּראָפעסאָרשער קאָלעגיע.

דער לערן־יאָר טיילט זיך אויף צוויי סעמעסטערס. די סטודענטן האָבן רעכט צו באַזוכן די לעקציעס און די פראַקטישע באַשעפטיקונגען. ביים אוניווערסיטעט האַלטן זיי עקזאַמענס אויף דאָקטאָר, אָבער אויף אָנצוקומען אויף אַ מלוכה־שטעלע האַלטן זיי ספּעציעלע מלוכה־עקזאַמענס. כדי צו ווערן צוגעלאָזן צו די מלוכה־עקזאַמענס, פאָדערט זיך אָפּט אַ צייגעניש וועגן די

לימודים אין אוניווערסיטעט. אַזוינע צייגענישן זיינען נויטיק אויך פאַר סטיפּענדיאַטן. דערמיט באַגרעניצט זיך די „פּריוהייט פון גאָרנישט טאָן״.

צווישן די סטודענטן איז זייער פאַרשפּרייט דער מנהג צו וואַנדערן איבער פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן. פאַר די דייטשע סטודענטן איז טיפּיש זייער אָרגאַניזירונג אין קאָרפּאָראַציעס. די דאָזיקע „פאַרביקע״ (די סטודענטן טראָגן געהעריקע פאַרבן) קאָרפּאָראַציעס אָרגאַניזירן די מיוחסדיקערע און רייכערע סטו־דענטן, וואָס זייער לעבן איז — ביר, דועלן און ניט באַזוכן די לעקציעס. אַ סך דעמאָקראַטישער און טיכטיקער זיינען די „בורשנ־שאַפטן״. צווישן די טעאָלאָגן זיינען פאַרשפּרייט „קריסטלעכע פאַראיינען״, וואָס זיינען קעגנער פון דועלן.

מחמת דעם באַגרעניצטן פּלאַץ וועלן מיר ניט שרייבן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון די שולן אין די איבעריקע לענדער פונם אייראָפּעאישן קאָנטינענט. ווי אַן אומגעפעריקן כּלל קענען מיר אָנווייזן, אַז די ראָמאַנישע מדינות זיינען נעענטער צו דער פראַנצויזישער שול־סיסטעם און די גערמאַנישע—צו דער דייטשער. ווי אַ צווייטן או־ך אומגעפעריקן כּלל וועלן מיר אָנווייזן, אַז דער צפון־מערבדיקער טייל פון קאָנטינענט דערלאָזט אַ גרעסערע גע־זעלשאַפטלעכע השפּעה אויף די ענינים פון שול. צום סוף וועלן מיר באַמערקן, אַז אין סקאַנדינאַוויע און אין די קאַטוילישע לענדער ווירקן שטאַרק אויף דער שול די גלחים. בנוגע צו סקאַנדינאַוויע דאַרף מען אייגנטלעך פאַרצייכענען די גרויסע ראָ־לע פונם ס ל ו י ד (האַנטווערק, וואָס גיט פאַרדינסט) אין דער פאָלקסשול, אויך די אָרגאַניזאַציע פון דער פ ו י ע ר ש ע ר אַ ק אַ ד ע־מ י ע (אַ העכערע שול אין דאָרף מיט אַן ערשטן קורס פון אַלגעמיינער בילדונג און מיט אַן אוטיליטאַרן צווייטן קורס) און די אָרגאַניזאַציע פון אַ ב אַ וו ע ג ל ע כ ע ר שול אין די ווייניק־באַפעלקערטע ערטער (דער לערער לערנט מיטאַמאָל אין עטלע־כע ערטער, אין איטלעכן צו 2—3 טעג; לעקציעס גיט ער אויף אויפן טאָג פון זיין צוריקקער).

ג. די ענגלישע שול.

1. אין ענגלאַנד פירט־אָן מיט די שול־ענינים דער „אַמט פון ערציאונג", וואָס זיינע הויפט־באַפולמעכטיקטע זיינען דער פאָר־זיצער, אַ מיטגליד פון מיניסטעריום, און דער סעקרעטאַר. די אויסגעוויילטע „קאָמיטעטן פון ערציאונג" אין איטלעכער גראַפ־שאַפט אָדער באַדייטנדיקער שטאָט בילדן די אָרטיקע שול־מאַכט. דידאָזיקע קאָמיטעטן באַשטייען פון זעקס מיטגלידער, וואָס פיר פון זיי געהערן צו דער אַנגליקאַנישער קירך; די איבעריקע צוויי ווערן אויסגעקליבן דורך דעם וועלטלעכן עולם (שטייער־צאָלער). די אויפגאַבע פון דידאָזיקע קאָמיטעטן איז—צו שטיצן און אַנט־וויקלען די בילדונג דורך גרינדן אָדער סובסידירן שולן. דאָס רעכט אויף שול־שטייערס געהערט די אָרגאַנען פון זעלבסטפאַר־וואַלטונג.

אויב אַ שול וויל באַקומען אַ סובסידיע אָדער די אָנערקע־נונג מצד דער מלוכה, דאַרף זי אָננעמען די איינגעשטעלטע מי־נימום־נאָרמעס פון איר אַרבעט און אונטערוואַרפן זיך אַ קאָנט־ראָל. אויב אַ שול פאָדערט דאָס ניט, דאַן איז זי לחלוטין פריי.

די באַזונדערע סימנים פון דער ענגלישער שול־סיסטעם זיינען: 1) זייער שוואַכע צענטראַליזאַציע; 2) געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער (ניטאָ קיין צוטיילונג פון מאַכט צווישן באַאַמטע און אויסגעקליבענע פון דער באַפעלקערונג); 3) די מעגלעכקייט פון פולער פרייהייט פון פריוואַטער איניציאַטיוו.

2. אַז אַ קינד ווערט אַלט דריי יאָר, האָבן די עלטערן רעכט צו פאָדערן, מ'זאָל פאַר אים לאָזן אַן אָרט אין שול; אַז דעם קינד איז שוין אָבער געוואָרן פינף יאָר, זיינען זיי שוין מחויב צו שיקן אים אין שול. באַזונדערע באַשטימטע און באַ־צאָלטע פערזאָנען גיבן אַכטונג, די עלטערן זאָלן ערפילן זייערע פליכטן. דערביי קענען די עלטערן, אַ חוץ די געוויינלעכע שטראָפן,

באַגרעניצט ווערן אין זייערע עלטערן־רעכט. דער אַלגעמיינער אונטעריכט ווערט אין ענגלאַנד גוט דורכגעפירט. ער איז אָבּ־ליגאַטאָריש ביז 12 יאָר, און די אָרטיקע קאָמיטעטן פאַרלענגערן דעם טערמין ביז 14 יאָר.

די ערשטע מדרגה פון אונטעריכט אין ענגלאַנד זיינען די „שולן פאַר עופעלעך" (פון 3 ביז 4 יאָר). דידאָזיקע שולן דערמאָנען אַ ביסל די מוטערלעכע שולן אין פראַנקרייך אין דעם פּרט, וואָס אין זיי איז דאָ דער עלעמענט פון אונטעריכט. אָבער דעם גרעסטן טייל טאָג פאַרנעמען האַנט־אַרבעט און שפּילן. פונ־דעסטוועגן זיינען אין דידאָזיקע שולן דאָס עיקרדיקסטע און דאָס ווערטפולסטע—די געגענשטאַנד־לעקציעס. דידאָזיקע געגנשטאַנד־לעקציעס זיינען אייגנטלעך דער אינהאַלט פון די שולן. די אָר־גאַניזאַציע פון דידאָזיקע געגנשטאַנד־לעקציעס איז אַזאַ: מ'נעמט אַ וואָסערע ס'איז „צענטראַלע טעמע" (עפּעס פונם לעבן, וואָס אַרום קינד, למשל, דעם בולוואַר אין האַרבסט), וואָס ווערט באַ־אַרבעט אין משך פון אַ ריי טעג; אַרום דערדאָזיקער טעמע קאָנ־צענטרירט זיך עס דער גאַנצער אונטעריכט: די קינדער קוקן זיך צו צום בלעטערפאַל און צום וועטער (נאַטורוויסנשאַפט); צייכענען (צייכענען איז די באַליבטע באַשעפטיקונג פון דער ענגלישער התחלה־שול); בשעת'ן צייכענען ציילן זיי, דערציילן אויף דער אויפגעגעבענער טעמע, לייענען און שרייבן. דידאָזיקע געגנשטאַנד־לעקציעס באַגייסטערן די פּעדאַגאָגן פונם אייראָפּע־אישן קאָנטינענט און גיבן זיי אַ מאַטעריאַל צו קעמפן מיט דער צעברעקלונג פון דער „שלימותדיקער בילדונג" אויף לעקציעס פון איינצלנע לימודים. אַ חוץ דעם, לייגט מען אין די „שולן פאַר עופעלעך" זייער גרויס אַכט אויף דער פיזישער ערציאונג. מיר'ן באַצייכענען ווי אַ ספּעציפישקייט פון ענגלאַנד, אַז אין די דאָזיקע שולן גיבן אָפּ מיט חשק זייערע קינדער די העכערע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן.

די צווייטע מדרגה איז—די שול פאַרן עלטערן עלטער (פון 6 ביז 12, 14 יאָר). געוויינטלעך האָט זי 7 קלאַסן. דער „אַמט פון ערציאונג" שטעלט בלויז איין אַ מינימום פון דער „געשטיצטער"

שול. דערמיט אונטערשיידט זיך ענגלאַנד פון פראַנקרייך, וואָס גיט אַ „מוסטערהאַפטע פראָגראַמע". דער דאָזיקער מינימום איז אַזאַ: די מוטערשפּראַך, אַריטמעטיק, נאַטורוויסנשאַפט, געאָגראַפיע, געשיכטע, צייכענען, געזאַנג, גימנאַסטיק און ספּאָרט, נייען און צושניידן (פאַר מיידלעך). אַ חוץ דעם ווערן אַרויסגעגעבן הוספה־סובסידיעס אויף צו לערנען אין די עלטערע אָפּטיילונגען די יינגלעך האַנט־אַרבעט, סעדעריי און גערטנעריי, און מיידלעך—קולינאַריע און וועשעריי. די אָרטיקע קאָמיטעטן קענען אַריינפירן אויך אַנ־דערע לימודים. זיי צעטיילן דעם קורס לויט די יאָרן און שטעלן איין אַ פּראָגראַמע גרעסער פונם מלוכהשאַפטלעכן מינימום. די מלוכה פאָדערט נאָר, אַז פונם אַריינפירן נייע לימודים און פון פאַרברייטערן די פּראָגראַמע זאָל ניט ליידן דער מינימום, וואָס איז איינ־געטיילט פון דער מלוכה. וואָס איז שייך דעם לימוד פון רעלי־גיע, איז זיין איינפירונג אָפּהענגיק פון די אָרטיקע קאָמיטעטן, וואו, לאָמיר דערמאָנען, די מערהייט איז געזיכערט פאַר דער אַנגליקאַנישער קירך. פונדעסטוועגן פאָדערט דער געזעץ, אַז דער רעליגיעזער אונטעריכט זאָל ניט האָבן קיין קאָנפעסיאָנעל־דאָ־גמאַטישן כאַראַקטער און אַז די לעקציעס פון רעליגיע זאָלן אַלע־מאָל זיין אין אָנהייב אָדער צום סוף פון די לימודים, אַזוי אַז דער וואָס וויל זאָל קענען אויך ניט באַזוכן זיי.

דער לערניאָר געדויערט קרוב 10 חדשים, שבת לערנט מען ניט, ווייל אום שבת גייען די קינדער געוויינלעך אין די זונטאָג־שולן פון די געהעריקע גלויבנס. אַחוץ דעם גייען די נאָכמיטאָג־דיקע שעהן פון פרייטאָג און פון נאָך אַ טאָג דורך אין שפּילן אָדער ערציילונגען. די לעקציעס גייען פון 9 אַזייגער ביז 12 און פון 2 ביז 4 אַ האַלב (סך הכל 6 לעקציעס פאַר די עלטערע). פאַר ניט מאַכן די לעקציעס אין דער היים האָט דער לערער קיין רעכט ניט צו באַשטראָפן. בתור שטראָף לאָזט מען איבער נאָך די לימודים אויף אַ האַלב שעה; מען געברויכט אויך פיזישע שטראָף.

פאַר דער ענגלישער שול איז דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע, וואָס זי איז קודם כל אַן ערציערישע, אָבער ניט קיין אונטער־ריכטערישע. די ענגלישע שפּראַך גופא באַצייכנט די שול־אַרבעט

מיטן טערמין „ערציאונג“, און קיין אַנדער וואָרט האָט זי ניט אין איר רשות. די ענגלישע שול שטרעבט ניט אויסצולערנען אַ סך, נאָר זי שטרעבט צו געבן אַ מעגלעך פולע און גאַנצע ערציאונג. די לערן־פּראָגראַמען זיינען אומבאַשטימט און מינימאַל; דער גע־שפּענסט פון דער לעקציע שרעקט ניט דעם תּלמיד. דער ענגלישער לערער—איז ניט קיין וויכטיקער פּעדאַגאָג, איז באַדייטנדיק הינ־טערשטעליק לגבי דעם פראַנצויזישן אָדער דייטשן לערער. אָבער ער איז אַ פּרעכטיקער ערציער. ער לעבט אַ צוזאַמענדיקן לעבן מיט די קינדער, גייט אַריין אין זייער פאַמיליענלעבן, שפּילט זיך צוזאַמען מיט זיי אויף גלייכע יסודות מיט אַלעמען.

אַ לערער, וואָס שפּילט זיך ניט צוזאַמען מיט די קינ־דער, וועט זיך אין דער ענגלישער שול ניט אַיינהאַלטן אַפילו אַ חודש. אַ דאַנק דעם ווערן צווישן דעם לערער און די תּלמידים געשאַפן באַציאונגען, וואָס ווייזן אַן אַנדערש מאָל אויס משונהדיק פאַר די מענטשן פון קאָנטינענט, משונהדיק די זעלבשטענדיקייט פון די שילער און משונהדיק די נאָענטקייט פון לערער מיט זיי: דער תּלמיד ווייזט אויס צו פאַרמיליאַריש, און דער לערער—גראָב. געוויס שפּיגלט זיך דאָס אָפּ אויך אויף דער קלאַסן־אַרבעט. דאָ איז דער עיקר—ניט געבן דעם תּלמיד וואָס מער ידיעות, אַפילו ניט אַנטוויקלען זיין שכל, נאָר אויסלערנען אים אַרבעטן זעלב־שטענדיק. אָט פאַר וואָס דעם לערער ברענגען ניט אין פאַרלעגנ־הייט די בלויזן פון דער פּראָגראַמע אָדער דאָס, וואָס זיינע תּלמידים ענטפערן ניט גלאַט און בינדיק (די ענגלישע שילער „זאָגן“ לפי־ערך שלעכט די לעקציעס). פאַרן לערער איז דאָס וויכטיקסטע—ווי זיי קענען אָרגאַניזירן זייער אַרבעט. אָבער אַ חוץ לערער זיינען פאַר דער ענגלישער שול אַן ערציערישער פאַקטאָר— די תּלמידים גופא, די שול־געזעלשאַפט מיט איר שפּיל, מיט איר ספּאָרט־לעבן און מיט די שול־מנהגים. דאָס לאַנד, וואָס האָט דער טעאָרעטישער פּעדאַגאָגיק געשאָנקען די טעאָריע פון קעגנזייטיקן אונטעריכט, איז דאָס לאַנד פון קעגיזייטיקער ערציאונג. דער „גייסט פון דער שול“, דער צונויפשטעל פון אירע שילער שפּילן כמעט אַ גרעסערע ראָלע, איידער דער לערער פון שול. מירן

אויף פאַרצייכענען, אויב מיר ריידן שוין וועגן ערציאונג, אַז די ענגלישע שול קעמפט קעגן דעם ליגנזאָגן פון די תּלמידים מיט אַלע מיטלען, אַפילו מיט די מיטלען פון פיזישער באַשטראָפונג.

דער ענגלישער לערער גלענצט ניט מיט קיין אַלגעמיינער בילדונג, ניט מיט קיין פּעדאַגאָגישער צוגרייטונג, ניט מיט דער טעכניק פון אונטעריכט. ער איז—אַן ערציער. דעריבער איז מען דער עיקר אויפמערקזאַם אויף זיינע גייסטיקע מעלות, אויפן קענען איינלעבן זיך מיט קינדער, אויף זיין נאָענטקייט צו קינדער און אויף זיינע קענטעניש אין ענין ספּאָרט. די ענגלישע לערערשאַפט איז גוט אָרגאַניזירט, אָבער אירע אָרגאַניזאַציעס זיינען קאַמף-אָרגאַניזאַציעס, ריין פּראָפעסיאָנעלע, מיטן דעוויז: „אונטעריכט איז אַ פּראָפעסיע”. פּונקט ווי אין די אַרבעטערשע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, פּראַקטיקירן זיך דאָ אויך שטרייקן, באָיקאָטן און אַ קאַמף פון דער קוואַליפיצירטער לערערשאַפט קעגן דער ניט-דיפּלאָמירטער. מירן פאַרצייכענען, אַז אין ענגלאַנד, דעם קלאַסישן לאַנד פון פּריוואַטער איניציאַטיוו, זיינען די פאַרוואַלטערס פון די שולן אויך די אָרגאַניזאַטאָרס זייערע און פאַרנעמען אַ גוטן מאַטעריעלן און געזעלשאַפטלעכן פּלאַץ אין לעבן.

3. מיר גייען אַריבער צו דער ענגלישער מיטלשול. לויט דער אָפיציעלער דעפיניציע, רעכנט זיך אַ שול פאַר אַ מיטלשול, אויב אַ גענוגנדיקע צאָל שילער לערנען זיך אין איר לכל הפּחות 4 יאָר און ביז 16 יאָר און ווייטער. בילדונג גיט זי מער ווי אַן אָנפאַנג-שול אין די לימודים, וואָס זיינען נייטיק פאַר דער גענוגנדיקער אַלגעמיינער בילדונג פון די תּלמידים פון מיטעלן עלטער פון 12 ביז 16 אָדער 17 יאָר.

די מער באַוואוסטע מיטלשולן אין ענגלאַנד געהערן צו דער גרופּע „געזעלשאַפטלעכע” שולן. זיי ווערן אויסגעהאַלטן אויף קאַפּיטאַלן, וואָס מ'איז מנדב דערויף; ווערן פאַרוואַלטעט פון אַן אַפּוטרופּסים-ראַט, וואָס ווערט פאַרפילט דורך קאָאָפּטאַציע, און דער באַפולמעכטיקטער אָרגאַניזאַטאָר זייערער, אַזוי צו זאָגן, דער אַווטאָר פון דער שול—איז דער פאַרוואַלטער פון דער שול, דער „הויפּט-לערער”.

די דאָזיקע שולן שטאַמען געוויינלעך פון אַלטע צייטן, און אין זיי בליט דער קלאַסיציזם. אָבער אין די שולן, וואָס זיינען אויפגעקומען שפּעטער, טרעט ער שוין אָפּ דעם וועג דעם רעאַליזם. די באַוואוסטערע פון די דאָזיקע שולן זיינען שטרענג קלאַסישע און פּאַרצייטיקע, זייער טייערע אינטערנאַטן, וואוהין ס׳גיט אָפּ זייערע קינדער דער העכערער געזעלשאַפטלעכער קלאַס; איטלעכע פון זיי האָט איר אייגענע אָרגאַניזאַציע בנוגע דער פּראָגראַמע און דער איינאָרדענונג פון די לימודים. אויף אַזאַ אופן איז די ענגלישע געזעלשאַפטלעכע שול אין דעם פּרט אַ דירעקטער היפך פון די פראַנצויזישע ליציייען: זי איז זייער פאַרשיידנאַרטיק.

לויטן מנהג, קומט מען אָן אין דער געזעלשאַפטלעכער שול פון דער פּריוואַטער „צוגרייטונג״־שול צו 13—14 יאָר; דערביי האָבן די עלטערן אַ טענדענץ אָפּצולייגן דעם אָנקומען פון זייערע קינדער אין שול. דער לערן־יאָר טיילט זיך אויף דריי דריטלעך. צום סוף פון יעדן דריטל קומען פּאָר עקזאַמענס, און די תּלמידים קענען אין איין יאָר דורכגיין דריי קלאַסן (סך הכל נאָמינעל 6 קלאַסן). דערביי קענען (אין געוויסע שולן) זיין צו איין לימוד אין איין קלאַס און צו נאָך איין לימוד אין אַן אַנדערן. אין רע־זולטאַט דערגייט מען צו 16—17 יאָר ביזן לעצטן קלאַס, און אין לעצטן קלאַס פאַרבלייבט מען ביז 18—19 יאָר, גרייטנדיק זיך צום קאָנקורס אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט.

די ענגלישע געזעלשאַפטלעכע מיטלשול כאַראַקטעריזירט דער אייגנאָמען, וואָס שטייט ביי איר; „איטאָנישע שול״, „שול פון די פערן״ וכדומה, דערמיט ווערט באַשטימט איר לערן־קורס. אָבער מ׳קען גיין ווייטער און באַהויפּטן, אַז די דאָזיקע שול כאַראַקטעריזירט אַפילו ניט דער לערן־קורס אירער, וואָס איז בכלל ניט קיין גרויסער און גיט דעם תּלמיד אַ סך פרייהייט און זעלבּ־שטענדיקייט. פאַרן תּלמיד איז וויכטיק דער קאָלעדזש, וואו ער לעבט ווי אַ פּאַנסיאָנער, און דער אַפּוטרופּוס, אונטער וועמעגס השגחה ער געפינט זיך.

די ענגלישע מיטלשול איז קודם כל אַן ערציערישע שול. אָט זיינען אירע עיקרדיקע ערציערישע מיטלען; 1) די קינדערשע

געזעלשאַפט, סאָציאַל אַ איינאַרטיקע, וואָס וואוינט אינם אָנגעגע־
בענעם קאָלעדזש און וואָס היט אָפּ די טראַדיציעס און די מנהגים
זיינע, מיר וואָלטן געזאָגט, אַ לפי־ערך זעלבשטענדיקע קאָנסער־
וואַטיווע געזעלשאַפט פון „גלייכע"; 2) ספאָרט, וואָס אין לעבן
פונם ענגלישן שול־קינד שפילט ער די ערשטע ראָלע און איז
אַ מיטל ניט בלויז פון פיזישער, נאָר אויך פון מאָראַלישער ער־
ציאונג, מחמת ער ערציט אַ שטאַרקן כאַראַקטער אינם קאָקורירנ־
דיקן געראַנגל פון לעבן; ספאָרט — דאָס איז די פּעדאַגאָגיק
פון דעם לאַנד, וואָס האָט געשאַפן די טעאָריע פון פריי־
ער קאָנקורענץ און געראַנגל פאַרן קיום; 3) די פּערזענלעכע
השפעה פונם „הויפּט־לערער" און פונם אַפּוטרופּוס. דער ענגלי־
שער פּעדאַגאָג ערציט קודם כל מיט זיינע פּענזענלעכע מעלות
און מיטן כּללישן לעבן צוזאַמען מיט די תּלמידים. דער ענין
לערנען, חזרן מיר איבער, שטייט אויפן צווייטן פּלאַן.

אַן אַנדער טיפּ פון דער ענגלישער מיטלשול איז—די מיני־
סטעריעלישע, וואָס געפינט זיך אונטער דער השגחה פונם אָרטיקן
ערציאונגס־קאָמיטעט, וואָס ווערט אויסגעקליבן פון דער באַפעל־
קערונג. די דאָזיקע שול איז באַשטימט פאַר תּלמידים פון 12—17
יאָר. רעליגיע לערנט מען דאָרטן בלויז מיט די, וואָס פאַרלאַנגען
עס, און די מלוכה צאָלט ניט פאַר איר אונטעריכט. אין דער
דאָזיקער שול זיינען 25 פּראָצ. ערטער אָבליגאַטאָריש אומגעצאָל־
טע (פאַקטיש אַ דריטל ערטער). די אָבליגאַטאָרישע פּראָגראַמע
טראָגט אַן אויסערגעוויינלעך אַלגעמיינעם און מינימאַלן כאַראַקטער:
מוטערשפּראַך און ליטעראַטור; אויסלענדישע שפּראַך (פון איר
ווערן באַפרייט די וואָס האָבן געהעריקע ליטעראַרישע ידיעות אין
דער מוטערשפּראַך); געאָגראַפיע און געשיכטע; מאַטעמאַטיק און
נאַטורוויסנשאַפט; צייכענען, אָרגאַניזירטע שפּילן, פיזישע איבונגען,
האַנטאַרבעט און געזאַנג; פאַר מיידלעך — פּראַקטישער אונטעריכט
פון פירן הויזווירטשאַפט, נייען, קולינאַריע און היגיענע פון ווירט־
שאַפט; אין די דאָרפישע שולן קענען אַלע אָדער כמעט אַלע
לימודים פון דער פּראָגראַמע אונטעריכט ווערן אין צוזאַמענהאַנג
מיט די דאָרפישע באַשעפטיקונגען. פאַרשטייט זיך, אין דער פּראַקטיק

לאָזן אַזוינע פראָגראַמען איבער גרויס פרייהייט די אָרטיקע טוער פון מיטעלער בילדונג. דער לערניאָר געדויערט קרוב 9 חדשים. די פריוואַטע מיטלשול געפינט זיך אין אַזאַ מצב, ווי די פריוואַטע אָנפאַנג־שול.

4. „פולסטע אומאָפּהענגיקייט בנוגע דער מלוכה־מאַכט, פאַרשיידנקייט פון דער רעגלאַמענטאַציע, פאַרשיידנאַרטיקייט אין דער איינהייט, פרייהייט פון אונטעריכט, אוראַלטקייט און רעליגיעזער כאַראַקטער פון דער אָפּשטאַמונג, רייכקייט און פעסט־קייט פון די קאַפּיטאַלן" — אָט דאָס זיינען די אויסגעצייכנטע כאַראַקטער־שטריכן פון די אוניווערסיטעטן אין אָקספאָרד און קעמברידזש. יעדערער פון די דאָזיקע אוניווערסיטעטן איז אַ מין פעדעראַציע פון זעלבשטענדיקע קאָלעדזשן, וואָס איטלעכער פון זיי האָט זיין באַזונדערן סטאַטוט, זיין אייגענעם רעזשים און זיין באַזונדערן אַדמיניסטראַטיוון און פעדאַגאָגישן פערסאָנאַל. דער קאָלעדזש באַשטייט פון רעקטאָר, פון די „חברים" (וואָס ווערן קאָאָפּטירט אויפן יסוד פון אַ ספּעציעלן עקזאַמען) און פון די סטודענטן. די סטודענטן קומען אייגנטלעך אָן אין קאָלעדזש און דערמיט גופא קומען זיי אָן אין אוניווערסיטעט. איטלעכער קאָ־לעדזש האָט זיינע פּראָפעסאָרן און טיוטאָרן — אָנפירער פון די אַרבעטן פון די סטודענטן. דער רעזשים פון די קאָלעדזשן, אין פאַרגלייך מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיטלשול, איז אַ שטרענ־גער: אויפשטיין פרי, פּינקטלעך גיין אויף די לעקציעס, אונטער־וואַרפן זיך דעם רעזשים פון בשותפות־לעבן, 10 אַזייגער אין אָוונט אומקערן זיך אַהיים וכדומה. דאָס לעבן אין די קאָלעדזשן קאָסט בכלל זייער טייער, נאָר ס'זיינען דאָ סטיפּענדיעס. אַ גוואַל־דיקע ראָלע שפּילט ספּאָרט.

בראש פונם גאַנצן אוניווערסיטעט שטייט אַ קאַנצלער (אַ בכבודיקער באַרוף) און אַ וויצע־קאַנצלער, וואָס ער באַשטימט, אויך צוויי „פּראָקטאָרן", וואָס קוקן נאָך די אויפירונג פון די סטודענטן. דאָס איז — די עקזעקוטיווע מאַכט. מיט געזעצגעבעריי באַשעפטיקן זיך דריי מוסדות: די „קאָנוואָקאַציע" (ראַט) פון אַלע לערער און פון אַלע דיפּלאָמירטע מלומדים (אַזוינע זיינען דאָ

העכער 12000); די „קאָנגרעגאַציע“ — די אוניוועריסיטעטישע שררות, וואָס פאַרוואַלטן די קאָלעדזשן, און אַלע לערער און אייגנטימער פון דיפּלאָמען, וואָס וואוינען אין אוניווערסיטעט; דער „וועכנט-לעכער ראַט“ — די אוניווערסיטעטישע שררות און 18 אויסגעקלי-בענע פון דער „קאָנוואָקאַציע“. פאַקטיש באַשעפטיקט זיך מיט געזעצגעבעריי דער לעצטער מוסד, דער העכסטער אָבער איז דער ערשטער. ביי היינטיקן טאָג לייענען די פּראָפעסאָרן אַ ריי עפנט-לעכע קורסן פאַר די סטודענטן פון אַלע קאָלעדזשן.

ס'איז דאָ צוויי מינים דיפּלאָמען פון דער ערשטער מדרגה מלומדים (באַקאַלאַוור): אַן איינפאַכע און אַ בכבודיקע. די איינפאַכע מדרגה ווערט אַרויסגעגעבן נאָך אַ דריי-יאָריקער ניט שווערער אַרבעט (2—3 שעה אין טאָג; עקזאַמענס); די בכבודיקע מדרגה פאָדערט זייער שווערע אַרבעט (7—8 שעה אין טאָג). די נעמען פון די „ערשטע“ ווערן פּובליקירט. דער ענגלישער אוני-ווערסיטעט איז אין זיין יסוד אַ העכערער מוסד פאַר אַלגעמיינע בילדונג (קלאַסישע שפּראַכן, געשיכטע, מאַטעמאַטיק, נאַטורוויסנ-שאַפט, פילאָסאָפיע); די ספּעציעלע צוגרייטונג אָבער ווערט געגעבן אויפן פּראַקטישן אופן — אין די געריכטן און אין די שפּיטאָלן. פאַר די נייע, דעמאָקראַטישערע אוניווערסיטעטן זיינען כאַראַקטע-ריסטיש די דאָזיקע וויכטיקע איינפירן: ס'ווערן אַרויסגעגעבן סובּ-סידיעס פון דער מלוכה און ס'ווערט אָפּגעגעבן פאַר איר אַ דין וחשבון; ס'זיינען ניטאָ קיין קאָלעדזשן, ס'ווערן צוגעלאָזן פרויען און ס'זיינען איינגעאָרדנט קורסן פון אָוונטיקע לעקציעס פאַר דער (אַרבעטערשער) באַפעלקערונג.

ד. די אַמעריקאַנער שול.

1. אין וואַשינגטאָן איז אָרגאַניזירט אַ ביוראָ פון ערציִ-אונג. איר אויפגאַבע איז—צו זאַמלען און פּובליקירן פאַקטן און סטאַטיסטישע ידיעות, וואָס זאָלן קענען באַקאַנט מאַכן דאָס אַמע-ריקאַניש פאָלק מיטן מצב פון פאָלקס-ערציאונג אין פאַרשיידענע שטאַטן פון דער יוניאָן, און אויך באַקאַנט מאַכן מיט דער אינוויייניקסטער און אויסווייניקסטער אָרגאַניזאַציע פונם שול-ענין אין אַנדערע לענדער. ווירקנדיק אויף אַזאַ אופן אויפן פּעדאַגאָ-גישן געדאַנק פון די שול טוער, העלפט די ביוראָ מיט דעם פּראָ-גרעס פון בילדונג און איר לפי-ערכדיקער איינהייטליכקייט. קיין אַדמיניסטראַטיווע מאַכט האָט ניט די ביוראָ: דאָס איז בלויז אַ געלערטער סטאַטיסטישער קאָמיטעט.

אין פאַרשיידענע שטאַטן איז די שול-אָרגאַניזאַציע פאַר-שיידן. מיר׳ן זיך אָפּשטעלן אויף מאַסאַטשוזעטס— אַ שטאָט וואָס האָט אַ שם מיטן גוט אַוועקגעשטעלטן שול-ענין. ער האָט אויך זיין ערציאונגס-ביורא, וואָס פירט אַ סטאַטיסטיק, פּובליקירט באַריכטן, נעמט אָן נדבות און צעטיילט די הכנסות פונם שול-פאָנד די געמיינדעס פּראָפּאָרציאָנעל לויט זייער אָרימ-קייט. דער שטאַט איז צעטיילט אויף „שול-באַצירקן“. באַזונדע-רע געמיינדעס בויען און אָרדענען-איין שולן, שטעלן צונויף לערנפּלענער, עקזאַמענירן און באַשטימען לערער. זיי קלייבן אויס אויף דריי יאָר אַ שול-קאָמיטעט, וואָס אַ דריטל פון זיין צונויפשטעל ווערט אַלע יאָר באַנייט. אַלע יאָר באַשטימט דער דאָזיקער קאָמיטעט אַ סופּער-אינטערנאַט (אינספּעקטאָר) פון די שולן. בכדי צו שאַפן אַ שול-באַצירק, גיסן זיך די קליינע געמיינ-דעס צונויף אַזוי, אַז דער אַדמיניסטראַטיווער קרייז זאָל ווערן אַ שול-איינהייט. די שול קאָמיטעטן האָבן רעכט איינצושטעלן אַ שול-שטייער, זיי געפינען זיך אונטערן קאָנטראָל פונם קאָמיסאַר פון דער גראַפשאַפט.

אין דער אַמעריקאַנער שול־סיסטעם רעכנט זיך פאַר אַ איינסער אַ פּיריאָריקער קורס. בהסכּם דערמיט זיינען געשאַפֿן געוואָרן אָט די מדרגות פון שולן: די אָנפאַנגס־שול (פון 6 יאָר אָן) די גראַמאַטיקאַלישע, די העכערע, דער קאָלעדזש, דער אוניווערסיטעט.

2. אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון קינדער־גערטענער. די אָרגאַניזאַציע פונם קינדער־גאָרטן איז עקסטרעמיש פאַרשיידנ־אַרטיק—פון אַ שטרענג פרעבעלישן ביז אַ נאָוואַטאָרישן. קינדער קומען־אָן אין שול געוויינלעך נאָכן דורכגיין דעם קינדערגאָרטן, בויט דעריבער די שול איר ערשטן יאָר לויט דער סיסטעם פון קינדערגאָרטן. אויף דער פאָלקס־שול קוקט דער אַמעריקאַנער ווי אויף אַ מיטל צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון נאַציאָנאַלער אַרבעט, ווי אויף אַ פעסטונג פונם דעמאָקראַטישן רעזשים און אַ געצייג פון אַמעריקאַניזאַציע. די שול שפּילט אין לעבן פונם אַמעריקאַנישן קינד אַ גוואַלדיקע ראָל, ווייל דאָס פאַמיליענלעבן איז אַנטוויקלט לפּי־ערך שוואַך.

לערנען זיך אין דער פאָלקס־שול (אָנפאַנגס־שול און גראַמאַ־טיקאַלישע; אין דער פּראַקטיק גיסן זיךביידע אָפּט צונויף) איז אָבליגאַטאָריש. מאַסאַטשוזעטס גיט אַרויס אומזיסט לערנביכער; אַחוץ דער דערנערונג אין שול, ווערן נאָך די אָרימע קינדער באַזאָרגט מיט קליידער און ס׳ווערט געלייגט אַכט אויף פאַרלייכ־טערן פאַר זיי דעם צופאַר אין שול. יינגלעך און מיידלעך לערנען זיך צוזאַמען. רעליגיע ווערט ניט געלערנט: דערצו עקסיסטירן זונטאָג־שולן, וואָס אויף צו באַזוכן זיי גיט די שול אָפּ דעם שבת. די שול פונקציאָנירט ניט ווייניקער פון 8 חדשים.

די אָבליגאַטאָרישע פּראָגראַמע פונם לערן־קורס איז: מוטער־שפּראַך, מאָראַל, געשיכטע פון אייגענעם פאָלק, געאָגראַפיע, אַריט־מעטיקי פיזיאָלאָגיע מיט היגיענע, מאָלן און צייכענען; אַחוץ דעם, ווערט נאָך געוויינלעך געלערנט אַלגעברע, לאַנדווירטשאַפט, האַנט־אַרבעט און געזאַנג. דער לערער (ווי אין אַנדערע לענדער) באַ־שעפטיקט זיך מיטאַמאָל מיט עטלעכע אָפּטיילונגען.

די פּראָגראַמע פון דער אַמעריקאַנער פאָלקס־שול צייכנט זיך אויס מיט איר היינטוועלטיקן כאַראַקטער.

אין שול לערנען די קינדער די געשיכטע פון דער אַנט=
דעקונג און באַזעצונג פון אַמעריקע, און אויך יענע פאַקטן, וואָס
האָבן גורם געווען די פראָקלאַמירונג פון אומאָפּהענגיקייט פון די
אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס און דעם אָננעמען די קאָנסטיטוציע פון
די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי ווערן באַקאַנט מיט דער אַנטוויקלונג
פון דער עקסיסטירנדיקער פינאַנסיעלער און באַנק-סיסטעם אין
אַמעריקע, ווי אויך מיט דער געשיכטע פון דער פאַרברייטערונג
פון דער טעריטאָריע פון דער רעפּובליק. מ׳מאַכט אין שול באַ=
קאַנט די קינדער מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער רעגירונגס=
מאַכט=אַנשטאַלטן, ווי פעדעראַלע, אַזוי אויך פונם שטאַט, פון
שטאָט, גראַפשאַפט און דאָרף=קרייז; מ׳ערקלערט זיי אויך, אין
וואָס באַשטייען די רעכט און די פליכטן פון אַן אַמעריקאַנער
בירגער. די תלמידים ווערן באַקאַנט מיט דער געאָגראַפיע פון דער
גאַנצער וועלט, באַקומען ידיעות וועגן קלימאַט, וועגן די נאַטיר=
לעכע רייכטימער און דער באַפעלקערונג פון פאַרשיידענע לענדער,
וועגן דעם קולטורעלן מעמד פון די פעלקער און זייערע קאָ=
מערציעלע באַציאונגען. זיי גייען דורך די יסודות פון מאַטעמאַ=
טיק און זיינען בכּוח אָנצווענדן זייערע ידיעות צו אַלע נויטן
פונם אַלטעגלעכן לעבן. נאָכן ענדיקן דעם קורס פון דער פאָלקס=
שול פאַרשטייען זיי, למשל, די שטייער=סיסטעם פון זייער לאַנד,
די צייטונגס=ידיעות וועגן מצב פון מאַרק און פון בערזע, די
יסודות פון אַסעקורירונג און פון קרעדיט=אָפּעראַציעס, וואָגן און
מאָסן. די לעקציעס פון צייכענען אַנטוויקלען אין זיי דעם קינסט=
לערישן געשמאַק. צום סוף, לערנען זיי זיך אויס לאָגיש דענקען
און אויסדריקן זייערע געדאַנקען פּשוט און פאַרשטענדלעך.

די שול=שפּראַך איז אָבליגאַטאָריש ענגליש.

דער מעטאָד פון אונטעריכט איז — אַן אַקטיווער. פון
אָנהייב שול אָן ווערט אַ באַשטימטער טייל אָפּגעגעבן פאַר „באַ=
טראַכטונגען״, וואָס שטייט בהסכּם מיט די געגנשטאַנד=למודים פון
דער אייראָפּעאישער שול. מיטן צוועק צו פאַרבעסערן די באַ=
טראַכטונגען, גייען דורך אַלע לעקציעס דורך צייכענען, קלעפּן,
האַנטאַרבעט און דראַמאַטיזאַציע. דאָס זיינען אין דעם פאַל ניט

קיין באַזונדערע געגנשטאַנדן, נאָר מעטאָדן פון „לערנען דורך טאָן". דאָס, וואָס דוכט זיך אונז פון ערשטן בליק ווי אַ פּראַקטיציזם און אוטיליטאַריזם פון דער אַמעריקאַנער שול, האָט אין דער אמתן דווקא אַ באַדייטונג פון אַלגעמיינער בילדונג; פאַרקערט די אַמעריקאַנער וואַרפן־פאָר די אייראָפּעאישע פאָלקס־שול פאַר דאָס, וואָס אין איר פעלן די דאָזיקע מעטאָדן.

אַ חוץ דעם פּרינציפּ פון זעלבסטטעטיקייט, איז די אַמעריקאַנער פאָלקס־שול אויך אַ פאַרטיידיקערין פונם פּרינציפּ פון אינדיווידואַליזאַציע: אין אַמעריקע קען דער תּלמיד אַריבערגיין איז עלטערן קלאַס אין יעדער צייט פון יאָר. דאָרטן באַשליסן דעם גורל פון תּלמיד די פעאיקייטן זיינע און די מדרגה פון זיין צוגעגרייטקייט פאַרן ווייטערדיקן קלאַס, און ניט דער צופעליקער חודש פון לוח, ווי ביי אונז. מיט דעם דאָזיקן צוועק ווערן, למשל, די תּלמידים קלאַסיפיצירט אַזוי, אַז די קלאַסן גייען איינער נאָכן אַנדערן אין אַ משך פון זעקס וואָכן לערנען. די תּלמידים ווערן, בכן, איבערגעטאַסט ניט ווייניקער ווי פיר מאָל אין יאָר. הכלל, דער קלאַס טיילט זיך אויף עטלעכע גרופּעס, ס'ווערט דערלאָזן „אַריבערשפּרינגען", ס'ווערן אַיינגעשטעלט באַזונדערע גרופּעס פון „גיכע" תּלמידים, וואָס גייען־דורך די אָנפאַנגס־שול אָדער די גראַמאַטיקאַלישע־שול (אָדערביידע צוזאַמען) אין אַ האַלבן טערמין, וכדומה.

די לעקציעס געדויערן געווינלעך פון 9 ביז 12 און פון 1 ביז 3; דערביי ווערט אָפט ניט אָפּגעהיט די סיסטעם פון שעהדיקע לעקציעס. אויפגעבן לעקציעס אויף אַהיים ווערט אַפילו פאַרווערט אין די אָנפאַנג־שולן, און דאָרטן, וואו ס'ווערט ערלויבט, באַגרעניצט מען עס מיט אַ מאַקסימום (אַ האַלב שעה פאַר דער אָנפאַנג־שול און ניט מער ווי 2 שעה פאַר דער גראַמאַטיקאַלישער).

די דיסציפּלין איז זייער אַ פרייע. פיזישע באַשטראָפונגען פון וואָס ניט איז פאַר אַ מין (קלעפּ, שטיין וכדומה) זיינען פאַרווערט; פּונקט אַזוי ווערט אויך פאַרווערט באַלוינונגען. די קינדער ווערט געגעבן אַ סך זעלבשטענדיקייט. די מיטלען פון דיסציפּלין זיינען — די באַשעפטיקונג פונם תּלמיד מיט אַרבעט

אין קלאַס און דער מעטאָד פון נאַטירלעכע רעזולטאַטן. אויף פיזישע ערציאונג ווערט געלייגט גרויס אַכט. דער שול־לאָקאַל און די אויסשטאַטונג פון דער שול זיינען פּרעכטיק: „די שול איז אַ פּאַלאַץ״.

דער אַמעריקאַנער לערער — איז אַ פּרויענצימער. דאָס איז אַ פּעדאַגאָג פון קאָפּ ביז די פיס, וואָס האָט זיך אינגאַנצן אָפּגע־געבן דעם ענין פון ערציען קינדער. אַפילו די פּראָפעסיאָנעלע לערערשע אָרגאַניזאַציעס, גלייך ווי די דייטשע, נאָר אין אַ גרע־סערער מאָס, טראָגן דער־עיקר אַ כאַראַקטער פון פּעדאַגאָגישע געזעלשאַפטן מיט אַ זייער קעמפערישן כאַראַקטער. די אַמעריקאַנער לערערינס האָבן אַ גרויסע מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן זיך און צו פּאַרפולקומען זייערע ידיעות און זייער צוגרייטונג. אָבער די דאָ־זיקע לערערין איז אָפט יונג און וואַרפט גיך די לערעריי צוליב חתונה אָדער צוליב אַ בעסער באַצאָלטע שטעלע, כאָטש אין פאַר־גלייך מיט איר שכירות איז די געהאַלט פון אַן אייראָפּעאישן לערער פשוט — גראָשנס. פון די פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן ווערט די אַמעריקאַנער לערערין מער ווי אַלץ באַצויבערט פון דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע.

3. די אַמעריקאַנער „העכערע״ שול (אונזער גימנאַזיע) איז באַשטימט פאַר בחורימלעך פון 14 ביז 18 יאָר. זי איז — אַ דירעק־טער המשך פון דער ערשטער לערן־מדרגה און היסטאָריש קומט זי געוויינלעך אויף ווי אַ בהדרגהדיקער אייבער־בנין איבער דער פאָלקס־שול. אַזוי, למשל, וואַקסן די דאָרפישע העכערע שולן אויס פון די אָנפאַנגס־שולן, אַ דאַנק דער פאַרגרעסערונג פונם לערן־קורס און פון די פּראָגראַמען און אַ דאַנק דער פאַראייניקונג פון דער אַרבעט פון אַזוינע עטלעכע גוטע אָנפאַנג־שולן.

די געזעלשאַפטלעכע (און ניט די פּריוואַטע) העכערע שול איז אַ אומגעצאָלטע. אויף אַזאַ אופן איז אַמעריקע דאָס לאַנד פון דער איינהייטלעכער אומגעצאָלטער שול. די גאַנצע באַפעלקערונג — רייכע און אָרימע, מיוחסים און פּראָסטע — לערנט זיך אין די זעלביקע שולן. אַ דאַנק דעם ווערט איינגעשטעלט אַ קולטורעלע אחדות פון נאַציאָנאַלן לעבן און ס'ווערן פאַרווייכערט די פאָרמען

פון סאָציאַלן קאַמף. די העכערע שול גייט אויף אַזאַ אופן אַריין ווי אַ באַשטאַנד־טייל אין דער אַלגעמיינער שול־סיסטעם.

בהסכם דערמיט ווערט אײַנגעטיילט דער שול־ביודזשעט. דאָ זיינען פאַראַן צוויי אַממערסטן פולקומע סיסטעמען: אָדער ס׳ווערט אײַנגעפירט אַ ספּעציעלער שטייער פאַרן פאָנד פון דער מיטל־שול, וואָס ס׳ווערט אויסגערעכנט לויט דער נאָרמע: n (די צאָל תּלמידים, וואָס באַזוכן די שול.) געכפּלט אויף 15 (די קאָסטן פון לערנען פאַראיין תּלמיד) און ווערט אַיינגעטיילט אַזוי, אַז איין דריטל ווערט צעטיילט צווישן די שולן גלייך, און צוויי דריטל—פּראָפּאָרציאָנעל דער דורכשניטלעכער טעגלעכער צאָל באַזוכונגען; אָדער ס׳עקסיסטירט אַן אַלגעמיינער פאָנד, און דאַן ווערט אויף איטלעכן לערער פון מיטל־שול אָפּגעלאָזן 400 דאָלאַר, און דאָס איבעריקע געלט ווערט צעטיילט צווישן אַלע שולן פּראָפּאָרציאָנעל דער צאָל טעגלעכע באַזוכונגען. מירן צוגעגעבן, אַז פאַר דעמאָקראַטישער האַלט מען אײַנשטעלן אַן אַלגעמיינעם פאָנד פאַרן גאַנצן שטאַט (אַניט ווערט געשאַפן אַן אומגלייכקייט פון רייכע און אָרימע קרייזן).

ביי דער דעצענטראַליזאַציע פון דער שול שטייט אויף אַ שאלה וועגן אַרויסגעבן דיפּלאָמען אויף אָנצוקומען אין אַ העכערער שול. דאָ זיינען פאַראַן צוויי סיסטעמען; 1) אַן אַריינטריטס־עקזאַמען ביי אַ ספּעציעלער עקזאַמענאַציאָנס־ביוראָ; 2) אַ צוטרוי צום דיפּלאָם פון דער שול. פאַר אַזאַ מין „אַקקרעדיטירונג״ איז, למשל, נייטיק, אַז דער לערן־קורס פון שול זאָל באַשטיין פון 15 לערן־איינסערס, וואָס איטלעכער פון זיי איז עקוויוואַלענט 120 זעכציק מינוטנדיקע קלאַסן־שעהן (האַנט־אַרבעט און פּראַקטישע באַשעפטיקונגען ווערן אויסגערעכנט אין אַ העלפט מאָס); דערביי מוזן זיין 3 איינסערס פון ענגליש און 2 פון מאַטעמאַטיק. די לערער דאַרפן זיין דיפּלאָמירטע און האָבן אין טאָג ניט מער ווי 5 לעקציעס. די שול דאַרף זיין גוט אַוועקגעשטעלט אין היגיענישן און פּעדאַגאָגישן פּרט. די תּלמידים דאַרפן האָבן אַ פרייען צוטריט צו באַשעפטיקונגען אין די לאַבאָראַטאָריעס און ביבליאָטעקן. ס׳דאַרף זיין ניט מער ווי 30 תּלמידים אויף איין לערער און לערער פון וויסנשאַפטן דאַרף זיין ניט ווייניקער פון פיר.

די סיסטעם פון באַשעפטיקונגען אין דער אַמעריקאַנער העכערער שול איז אַ געגנשטאַנד-סיסטעם; דערביי איז פאַראַן אַ ריי פּאַראַלעלע קורסן און אויף אַ געהעריקן אופן ווערט אין איטלעכן לערן-דריטל קאָמבינירט דער שעהן-פּלאַן. מירן ברענגען פאַר אַ ביישפּיל — די קאָנקרעטע פּראָגראַם פון איינער זייער אַ גוטער העכערער שול. דאָרטן זיינען פאַר די תּלמידים אויסגעאַרבעט עטלעכע מוסטער-ציקלען: 1) שפּראַכן [(לאַטיין (4 יאָר), גריכיש (3 י.), דייטש (4 י.), פראַנצויזיש (2 י.), שפּאַניש (2 י.)]; 2) מוטערשפּראַך [(שריפטלעכע אַרבעט (2), ליטעראַטור (4), געשיכטע פון ליטעראַטור (1)]; 3) געשיכטע [(אוראַלטע, מיטעלע, נייע ענגלישע, אַלגעמיינע, אַמעריקאַנישע (צו 1 שעה)]; 4) מאַטעמאַטיק [(אַלגעברע (1, 1 אַ האַלב), געאָמעטריע (1, 1 אַ האַלב), טריגאָנאָמעטריע (אַ האַלבע), ערדמעסטונג און קאָמערציעלע אַריטמעטיק (אַ האַלבע)] ;5) נאַטורוויסנשאַפט [(באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, פיזיקאַלישע געאָגראַפיע, פיזיק, כעמיע (צו 1 ש.), געאָלאָגיע און אַסטראָנאָמיע (צו 1 אַ האַלב ש.)]; 6) פאַרשיידנס [(מוזיק, פרייצייכענען, געזאַנג (צו 2 ש.), פיזישע אַנטוויקלונג (4 ש.)]; 7) פּראַקטישע געגנשטאַנדן [(צייכנונגען, האַנט-אַרבעט, הויזווירטשאַפט (צו 2 שעה), הויזפירונג, בוכהאַלטעריע, פירונג פון געשעפטלעכע אונטערנעמונגען, סטענאָגראַפיע, אַרבעט אויף אַ שרייב-מאַשין (צו 1 ש.)]. בכדי צו באַקומען אַ דיפּלאָם, דאַרף מען דורכגיין פיר לימודים מיט אַ 3-יאָריקן קורס און דריי מיט אַ 1-יאָריקן קורס (סך-הכל 15 יאָר אַרבעט), אָפּאַרבעטנדיק צו 2 יאָר אין די גרופּעס פון דער מוטערשפּראַך און פון אַן אויסלענדישער שפּראַך, צו 1 יאָר אין איטלעכער פון די איבעריקע גרופּעס און 4 יאָר אין אַ וואָסער ס'איז איין גרופּע.

אין די באַשעפטיקונגען שפּילן אַ געוואַלדיקע ראָלע די זעלבשטענדיקע אַרבעטן אין ביבליאָטעק און אין די לאַבאָראַטאָריעס. וואָס איז שייך דיסציפּלין, הערשט דאָ די זעלבסטפאַרוואַלטונג פון דער שול. די תּלמידים גיבן אָן אַ פּעטיציע דער אַדמיניסטראַציע פון דער שול וועגן איינפירן זעלבסטפאַרוואַלטונג. ס'ווערן אויסגעאַרבעט „געזעצן פון דער שול-רעפּובליק" און

ס׳ווערט אײַנגעשטעלט אַן אַלגעמיינע „ערבות״ פאַר געטריישאַפט די דאָזיקע געזעצן. דערנאָך פירט יעדער קלאַס דורך וואַלן פון די קלאַסן־שררות (לפי דעם מוסטער פון די שררות פון שטאַט: גובערנאַטאָר, נאמן און מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג), און פון די קלאַסן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט ווי זעלבספאַרוואַלטנ־דיקע געמיינדעס, ווערט צונויפגעשטעלט אַ שול־אַ מלוכה מיט אַ פּאַרלאַמענט פון די פאָרשטייער פון די קלאַסן און פון די לערער; דערביי האָט דער דירעקטאָר דאָס רעכט פון בטל מאַכן. אויב עמיצער פון די תּלמידים איז עובר אויף די געזעצן פון דער שול, דאַן קלאָגט אים אָן די שילערישע פּאָליציי אין געריכט, וואָס באַשטייט פון שילער און לערער. די העכסטע מדרגה פון שטראָף איז — אויסשליסן פון דער געמיינדע (מיטן פאַרמשפּטן רעדט מען ניט און מ׳שפּילט זיך ניט). לפּי דער מיינונג פון די אַמעריקאַנער פּעדאַגאָגן, איז אויב די שילער וואָלטן געווען בירגער פון אַ לאַנד מיט אַ דעספּאָטישער פאַרוואַלטונג, וואָלט דאַן דער דירעקטאָר פון דער שול געדאַרפט פאַרוואַלטן זי דעספּאָטיש, בכדי צו אַנטוויק־לען אין זיינע תּלמידים די רגילות שנעל אונטערצוגעבן זיך אָן ווערטער. אָבער היות די תּלמידים פון דער אַמעריקאַנער שול זיינען בירגער פון אַ רעפּובליק, וואָס איר וואוילשטאַנד הענגט־אָפּ פון דער בײַזײַאוסטזיניקער קאָלעקטיווער טעטיקייט פון אירע בירגער — בכן איז קלאָר, אַז שוין אין שול, וואו זיי האָבן אייגענע וויכטיקע כלל־אינטערעסן, דאַרפן זיי זיך דערווערבן אַ רגילות צו לעבן און דינען מיט די אינטערעסן פונם קאָלעקטיוו אַלס אַ גאַנצן. מ׳מוז צוגעבן, אַז די ענגלישע שפּראַך אַלס לערנשפּראַך און די שול־רעפּובליק זיינען די מעכטיקסטע געצייג צו אַמערי־קאַניזירן דורך דער שול אירע שילער. צום סוף ווילן מיר אָנ־ווייזן, אַז צווישן די תּלמידים זיינען זייער אַנטוויקלט ספּאָרט, די שול־צייטונג, דער קלוב און קרייזלעך פון כל־המינים.

אין לעבן פון דער אַמעריקאַנער שול שפּילט דער פאַר־וואַלטער אַ גוואַלדיקע ראָלע. בכלל איז דאָ דער פּרינציפּ: מאַק־סימום פרייהייט פאַר דער איניציאַטיוו פונם אויספירער, אָבער קאָנטראָל (בשום אופן ניט קיין אונטער־הדיקער). דעריבער זיינען

אויך די לערער אין זייערע פונקציעס לגמרי זעלבשטענדיק. אַחוץ דעם פאַרהיטן זיי פון דער מוטווילקייט פונם פאַרוואַלטער און פון די שול־קאָמיטעטן די דעמאָקראַטישע מידות פון לאַנד און די קראַפט פון די לערערשע אָרגאַניזאַציעס. צווישן די לערער פון דער אָנפאַנגס־שול און פון דער העכערער שול איז דאָ ניטאָ אַזאַ פירוד־לבבות, ווי אין אייראָפּע: דאָס זיינען צוויי שטאַנדן, וואָס דרינגען קעגנזייטיק דורך איינער דעם אַנדערן, אָבער ניט קיין פאַרשלאָסענע קאַסטעס.

4. נאָכן ענדיקן די העכערע פּאָלקס־שול קומט דער יונגער־מאַן אָן אין פיריאָריקן קאָלעדזש מיט אַ דער־עיקר הומאַניטאַרער פּראָגראַמע, כדי צו פאַרענדיקן דאָרטן די „דזשענטלמענישע" בילדונג, דאָס איז אַ העכערע אַלגעמיין־בילדונגס־אַנשטאַלט מיט אַ זייער פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער, אָפּהענגיק פון די אָרטיקע תנאים. בלויז פאַר די, וואָס האָבן געענדיקט דעם קאָלעדזש איז אָפן דער צוטריט אויפן יורידישן, מעדיצינישן אָדער טעאָלאָגישן פאַקולטעט פון די גרויסע אוניווערסיטעטן. דער אַמעריקאַנער סטודענט איז פריי אויסצוקלייבן וועלכע קורסן ער וויל, אָבער ווייטער איז ער מחויב צו האַלטן יעדן סעמעסטער עקזאַמענס און לערנען אַקוראַט. אַפילו ביז איצט וואוינט ער אָפט אין בשותּפותדיקע סטודענטן־היימען.

מיר באַשרייבן דעם האַרוואַרדער אוניווערסיטעט. בראש פון אים שטייט אַ קאָלעגיע פון זיבן מיטגלידער, אויסגעקליבענע אויף גאַנצן לעבן. איטלעכע באַשטימונג און נייער אײַנפיר ווערט באַשטעטיקט דורך אַן אויפזיכטס־ראַט פון 30 מיטגלידער, וואָס ווערן אויסגעקליבן פון דער אייגענער סביבה דורך די וואָס האָבן געענדיקט דעם האַרוואַרדער אוניווערסיטעט. דער פּרעזידענט פון אוניווערסיטעט, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַן אָרגאַניזאַטאָר, האָט ווי שליטה איבער די פאַקולטעטן און זייערע דעקאַנען. דער גרעסטער פאַקולטעט איז דער „פאַקולטעט פון קונסט און וויסנשאַפטן", וואָס זיינע אָנפאַנגס־קורסן הערן די סטודענטן פון קאָלעדזש, וועלכע מ'קען דורכגיין אין 3 יאָר. די וואָס קומען אָן אין קאָלעדזש האַלטן אַ זעקסטאָגיקן שריפטלעכן עקזאַמען און

ענדיקן דעם קאָלעדזש, אָפּגעבנדיק אַכט—צען 3=שעהדיקע יאָריקע קורסן דורך אַ 3=שעהדיקן שריפטלעכן עקזאַמען אויף יעדערן באַזונדער. ספּאָרט בליט. פּרויען זיינען אין קאָלעדזש ניטאָ (אין דער העכערער פּאָלקס=שול און אין דער מאַסע ווייניקער אַריסטאָקראַטישע קאָלעדזשן זיינען די קלאַסן געמישטע און ס'זיינען דאָ אַ סך ספּעציעלע פּרויען=קאָלעדזשן).

מיר האָבן באַשריבן דעם האַרוואַרדער אוניווערסיטעט ווי דעם באַרימטסטן. אָבער בכלל גערעדט, זיינען די אַמעריקאַנער קאָלעדזשן און אוניווערסיטעטן זייער פאַרשיידנאַרטיק. בלויז מיט גרויס מי קען מען געבן אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק. קיין איינציקער אַמעריקאַנער וועט ניט זאָגן פּשוט, אַז אין דער יוגנט האָט ער באַזוכט „אַ אוניווערסיטעט", ווי ער וואָלט ניט זאָגן, אַז בעת זיין רייזע האָט ער באַזוכט „אַ שטאָט". די באַשטימטע פאָרשטעלונג ווערט דאָ געגעבן בלויז דורך אַ אינדיווידועלן אייגנ=נאָמען. די העכערע מעדיצינישע לערן=אַנשטאַלט רופט זיך „מע=דיצינישע שול", די יורידישע — „שול פון געזעצן", די טעאָלאָגי=שע — „געטלעכע שול".

אין פ ר אַ נ ק ר י י ך איז דער אוניווערסיטעט אַ העכערע ספּעציעלע שול; אין ע נ ג ל אַ נ ד ווערט די פאַרבינדונג פון וויסנ=שאַפטלעכער שאַפונג מיטן אוניווערסיטעט אַיינגעשטעלט בלויז פאַר אונזערע אויגן; אין ד י י ט ש ל אַ נ ד זיינען די אוניווערסי=טעטן „טעמפּלען פון וויסנשאַפט", אָבער פון אַ וויסנשאַפט, וואָס איז מחמת דעם מלוכהשאַפטלעכן כאַרקטער פון דער שול אָפּהענגיק פון דער מלוכה. אין אַ מ ע ר י ק ע איז אַחוץ די אוניווערסיטעטן, בליט פראַכטפול די וויסנשאַפט אין באַזונדערס רייך=אויסגעשטאַטע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן, וואָס גיבן די מלומדים, באַזונדערס די יונגע, די נויטיקע מיטלען פאַר זייערע וויסנשאַפטלעכע פאָר=שונגען. אַחוץ דעם, זיינען אָרגאַניזירט אַ סך וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, וואָס זייערע ווערק ווערן אָפט אַרויסגעגעבן אויפן חשבון פון דער מלוכה.

צענטראַלע ייד. שול־אָרגאַניזאַציע

❁❁❁❁❁❁❁❁ ווילנע. ❁❁❁❁❁❁❁❁

זשורנאַלן:

(אויסגאַבן פון דער צ. ש.־אָ. ווילנע).

„גרינינקע ביימעלעך", 2־וועכנטלעכער זשורנאַל פאַר יינגערע קינדער, 2־טער יאָרגאַנג.

„דער חבר", חודשדיקער זשורנאַל פאַר עלטערע קינדער

„די נייע שול", פּעדאַגאָגישער זשורנאַל, צווייטער יאָרגאַנג.

„שול און היים" זשורנאַל פאַר עלטערן

מעשהלעך:

(אויסגאַבן פון דער צ. ש.־אָ. ווילנע).

„די כאַר.יטופּטע קרעטשמע" פון דניאל טשאַרני (זויכגעפּאַרקויפט).

3 מעשהלעך „ דוידל

2 „ „ באַבאַ טשאַרני

די געשיכטע פון ז. ב. „ ס. ידידאָוויטש.

(אויסגאַבן פון דינעזאָן שול־פאַרלאַג, וואַרשע)

מסירת־נפש פון י. ל. פּרץ (

יוחנן דער וואַסערטרעגער; דער באָס „ „ (פאָלקסטימלעכע געשיכטן

7 גוטע יאָר; דער אוצר „ „) באַאַרבעט פאַר יוגנט

3 מתּנות; ס'איז גוט „ „)

מגילת אסתּר י. ראַווין, פאַרלאַג „פאַר אונזער קליינוואַרג", לאָדז

די קינדער־וועלט „ „ „ „

פאַר די קליינטשינקע „ „ „ „

קינדער־פּיעסן:

צום ווייטן לאַנד י. פּאַט

רויטהיטעלע י. ראַווין (אויסגאַבע „פאַר אונזער קליינוואַרג", לאָדז

בערעלע און פּערעלע „ „ „ „

ווייסשנייעלע „ „ „ „

זאַמלונגען, לערנביכער און לייענביכער:

„לידער און שפּילן" פון א. בולקין און ל. עפּראָן, זאַמלונג

רוסיקע שפּילן „ א. בולקין „

ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען. „דאָס לעבעדיקע וואָרט", כרעסטאָמאַטיע פאַרן 4־טן און 5־טן לערניאָר, (אויסגאַבע פון קולטור־ליגע, ווילנע)

מ. חיימסאָן. פיזישע געאָגראַפיע אין 2 ט. פאַרן 3־טן און 4־טן לערניאָר, אויסגאַבע פון דער צענטראַל. שול־אָרג., ווילנע.

„באַדנקענטשאַפט" פון אַגראָנאָם קאַדישעס פאַרל. פון דער חברה „אָרט" ווילנע

ש. אַנ—סקי. די יידישע פאָלקסשאַפונג „ פון צענטר. שול־אָרג., ווילנע

טערמינאָלאָגיעס פון פיזיק, כעמיע, געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע, אַריטמעטיק און אַלגעברע

אַרויסגעגעבן פון צענט. שול־אָרג., ווילנע.